„אין חדר אריין“ 5/-

„אין זכות פון די טעג“ 3/6

פון

משה עובד

צו באקומען ביים מחבר:

MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1

עפענטליכע ביבליאטעקן באקומען דאס בוך פריי



LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

*Manufacturers of*
*Knitted Goods and Sportswear*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10



„די צייט“ געגרינדעט אין 1913 פון מאררים מייער
די איינציקע יידישע צייטונג אין ענגלאנד. (בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראפע.)



ווי‏כטיק פאר אלע וואס פארשטייען יידיש
יידישע ראדיא-אוידיציעס אין ווארשע

זונטיק, דינסטיק, דאנערשטיק און שבת קענט איר הערן יידיש ראַדיאָ 22.10
אַ זייגער מיטל־אייראָפּייאישע צייט פון דער ראַדיאָ־סטאַציע „וואַרשע 3“
אויף דער כוואַליע 48.25.



*Published and Edited by* A. N. STENCL, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*




# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 11 (העפט 118) צענטער יארגאנג נאָוועמבער 1949 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


וועןאַ קעניג פון ירושלים וויינט
צו דער העברעאישער ראדיא שעה אויפן ב.ב.ס. ............ ** 1
פון דער יונגער העברעאישער ליריק (א. ברוידס, י. קרני, א. המאירי,
י. ליכטנבוים, א. שלאנסקי, איבערזעצט פון ש. שפיוואַק.) ...... 3
תל־אביב די יידישע וואונדער שטאט
(צום 40־טן יובילעאום) ........................ א. דינאַבורג 7
זיי האבן געטאנצט די „האָראַ“ (אַ פאַרצייכנונג) ........ לעאָ קעניג 11
טונקעלע טעג (דערציילונג) ........................א. מ. פוקס 14
נסתלק געוואָרן (באַלאַדיש) ........................ א. נ. שטענצל 20
אויף יענעם זייט בארג (סצענע) ........................ ס. פאַלמע 24
שטריכן צו אסתר קרייטמאַנס ליטעראַרישן פאָרטרעט
(רעצענזיע) ........................ יוסף הלל לעווי 27
כתר שם טוב (ליד) ........................ אברהם פנחס ציקערט 31
די קראפט פון גייסט (איבער ישעיהו שפיגעלס
„מלכות געטאָ“) ........................ י. ראַפּאפּארט 32
אָן „טענצע“ און אָן „געזענגע“ (וועגן זיגמונט טורקאָווס
גאַסטראָלירן אין לאָנדאָן) ........................ ש. י. דאָרפזאן 36
מאיר צעלניקער אויף דער ענגלישער בינע ........................ אלקושי 39
צייט־פראגן ........................ מ. אלמאן 39
אַ גל של עצמות (חסידישער פאלקלאר) ........ יחזקאל נח ערליכמאן 40
צו די גליקליכע מענטשן ראזא און זיגמונט טורקאוו (בריוו) .. משה עובד 42
זיגמונט טורקאוו'ן אַ ווידמונג (ליד) ........................ ל. האכשטיין 42
יידיש טעאַטער אין לאנדאן (צום נייעם סעזאן) ........................ ש. 43
די וייטערע שבת־נאָכמיטאגס ........................ 48


**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**


אבאָנענטס־פרייז: —19/6 פאר א יאָר

אין אויסלאַנד: —5 דאָלאר א יאָר

1/9 פאר א פראָבע נומער

## צו אונזערע חשובע אבאנאמענטן
(אַן אָפֿענער בריוו)

**חשובע פריינט!**

שוין אייניקע מאל ווי מיר האבן דעם דרינגענדיקן עס־אַ־עס־רוף דא אָפּ־געדרוקט: „אויב דער סעקרעטאר שיקט אַרויס אַ מאָן־בריוו, זאל מען תיכף צושיקן דעם אַבאָנאַמענטן־־אָפּצאָל!“ אַ טייל פון אונזערע פריינט טון דאס און מיר זיינען זיי זייער דאנקבאר — טאקע אַ דאנק זייער פאראנטוואָרטלעכ־קייט און פינקטלעכקייט איז נאָך די מעגלעכקייט וואָס דער זשורנאל דער־שיינט דאך יעדן חודש רעגלמעסיק, טראָץ אלע אומגעהויערע שוועריקייטן.

אַ גרויסע צאָל אבער וואָס האבן ניט איינגעצאלט זייערע אבאנאמענטן שוין איבער א יאר און ווען זיי באקומען אונזער מאָנונג, — איינמאל און צוויי מאל! — און מאכן זיך כלל נישט וויסן.

מיר וועלן זיין געצוואונגען, צום נייעם יאר, אדורכצוזיפּן די קארטאָטעק פון אונזערע אַבאָנאמענטן און די וואָס האבן נישט באצאלט, וועלן מיר פון קומענדיקן יאָר אָן אָפּשטעלן דאס שיקן דעם זשורנאל.

מיר בעטן נאכאמאל אונזערע פריינט, אויב ס׳איז נאר אַ נאכלעסיקייט דאס נישט צושיקן דאס געלד זאלן זיי תיכף דערליידיקן און דעם אפּצאל צושיקן, אויב אבער ס׳איז ביי זיי אַזאַ מין פרינציפּ, צו דערהאַלטן זשורנאלן און נישט באצאלן, איז עס פון זייער זייט א גרויסע עוולה — דער זשורנאל קאסט געלד, אים צושיקן קאסט פּאָסטגעלד, די מאן־בריוו קאָסטן ווידער געלד און פּאָסט־מארקן, זאָלן זיי דאך האבן אַזויפיל אחריות און אים אָפּשטעלן, וועלן מיר וויסן ווי מיר האלטן.

מיר האלטן אז דער זשורנאל „לשון און לעבן“ איז וויכטיק פאר אונזער ישוב, און מיר ראנגלען זיך מיט די לעצטע כוחות אים ווייטער אָנצוהאַלטן, זאלן פריינט פון יידישן וואָרט, לייענער פונם זשורנאל, לכל הפחות, נישט זיין נאַכלעסיק אינם איינצאלן דעם יערלעכן אַבאָנאַמענט! און די ווידער, וועלכע ווילן אים נישט האבן, — אויס וואָסערע מאטיוון עס זאל נישט זיין! — זאָלן אַזויפיל אחריות אין זיך האבן אונז מיטצוטיילן אים אָפּצושטעלן.

ויסנדיק אונזערע שוועריקייטן, וועט איר פארשטיין דעם אַזוי דרינגנ־דיקן, קלארן און אָפֿענעם בריוו.

מיט פריינטלעכן גרוס,

די רעדאַקציע.

**אין אלע ענינים, אַנפראַגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויף דעם פאָלגנדיקן נייעם אַדרעס:**

N. RUBIN, 193 Evering Road, Upper Clapton, E.5.

**ווערט א מיטגליד פון פריינט פון יידיש לשון!**

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 11 (העפט 118) **צענטער יארגאנג** נאוועמבער 1949 לאָנדאָן

## ווען א קעניג פון ירושלים וויינט

„ויקץ שלמה והנה חלום...“
(מלאכים א. ג. ט״ו.)

האָט דען אַ צוועק געהאט, צו שרייען „אני שלמה“,
ווען אויף גאלדענעם שטול ס׳איז געזעסן דער שד?
און אז אין דעם איינעם אויסגעשריי מיינעם „גזרו“
איז מער חכמה דא ווי אין מיין גאנצן גערעד — — —

נישט שולמית האט מיין „שיר השירים“ פאַרשטאנען,
ווי נישט „קוהלת“ קיין טרייסט פאר קיין מענטש געווען;
ווען כ׳האב די שווערד געצויגן דאס קינד צו צעשניידן,
האט אַ מאמע ערשט מיין גרויסע חכמה דערזען....

וואָלט עס פארקערט געווען, א מאמע צו צעשניידן,
וואָלטן די קינדער צוריקגעהאַלטן מיין האַנט?
אויף דעם אַ תשובה צוגעבן, דאס צו באשיידן,
מיט מיין גאַנצער חכמה שטייט שטיל מיר מיין פאַרשטאַנד.

עס האט דאך מיין פאלק, די קינדער פון ישראל,
ארויסגעצויגן אצינד די שווערד פון דער שייד,
און הייליקע מאמע־ערד ליגט צעשניטן אויף צוויי — — —
אָ, פאר מיינע אויגן צאפּלט דאך דער באשייד!

ס׳האט שלמה המלך, דער חכם מכל אדם,
קיינמאל נישט געוויינט, נאר איצט שווימט זיין אויג אין א טרער,
נישט צו צוזען די שאנד פונם געשענדעטן לאנד — —
ווי מיין טאטע איך הייב אויף מיין האנד און איך שווער —

„אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני!“
אַזוי פעסט ווי אין פויסט ס׳איז א שווערד פארביילט:
ווי לאנג ארץ ישראל וועט נישט ווערן איין לאנד,
וועט אויך מיין ירושלים בלייבן צעטיילט!

אַ פאלק וואָס קאָן נישט זיין היילּיק לאַנד האַלטן צוזאַם,
קאָן אויך גאָט זיין שלום־שטאט נישט גאַנץ אָנפארטרוי׳ן — —
אָ, אז ס׳איז מיר, דעם קעניג פון ירושלים,
אָנפארטרויט פון קלוגשאפט די גין־גאלדענע קרוין.

---

## צו דער העברעאישער ראַדיאָ שעה אויפן ב.ב.ס.

היינטיקן חודש פאר צוויי יאָר זיינען מיר געשטאַנען מיט שרעק־קלאַ־פענדיקע הערצער ביים ראַדיאָ־קעסטל און געוואַרט צו הערן די אָפּשטימונג פון די פעלקער פאר ישראל. און היינט שטייען מיר פאר דעם זעלבן קעסטל מיט פרייד באַוועגטן געמיט און הערן די העברעאישע ראַדיאָ־שעה — אין לאָנדאָן!

דאָס קלאַפן פונם הארץ, נאָך האַלבער נאַכט אין יענער שעה, דעם 29־טן נאָוועמבער — אפילו פון אַ יידישיסט־שביידישיסט! — איז פאר צוויי יאָר געווען פונם גאַנצן הארצן, פול מיט דערוואַרטונג. און איצט, ביי דער העברע־אישער ראַדיאָ־שעה אויב ער האט געמאַכט אַ „שהחיינו" מיט אַ שם המלכות איז זי זיכער נישט געווען קיין ברכה לבטלה.

וואָרים אויב מיר זיינען געשטאַנען פאר צוויי יאָר, — אין דעם 2000 יאָריקן שעת־הכושר, אויב דאָס האט איבערהויפּט געקענט געשען און סאיז מעגלעך געוואָרן! — פאר דעם ראַדיאָ קעסטל, ווי די גלויביקע האַפערדיקע קינדער פאר דעם גורל־קעסטעלע בשעת דאָס פייגעלע ציט אַרויס דאָס גורל־קוויטל, הערן מיר יעצט דאָס געטשוויטשער פון די וווּנדער־פייגל, וואָס האָבן אונזער גורל־קוויטל אַרויסגעצויגן. אָן אָט די ווונדערלעכע זינגער, די טרוים־פארבענקטע שירה זינגער, וואָס די הערצער זייערע גיסן זיי אויס פאר די הימלען און אין די מענטשלעכע הערצער קלינגט אויס דאָס גאָלד פון זייער געזאַנג, וואָלט גאָנישט מעגלעך געווען דער שעת הכושר פון גאולת ישראל.

און פאר אונז יידן אין ענגלאַנד, האָט די העברעאישע שעה אַ טאָפּלטע באַדייטונג! עס איז די גרויסע שעה, אפשר, פון צוריק איבערבעטן זיך מיטן ענגלישן פאלק. —

אַ ביטער הארץ האָבן מיר געהאַט אַ צייט לאַנג אויף דעם ראַדיאָ־קעסטל, אויף אָט דעם האַלצערנעם גולם, ווען ער האָט געהעצט און אויסגעשריגן איבער אונז גאָרנישט קיין פריינטלעכע ווערטער, דעמלט ווען דער גרויסער געראַנגל איז אָנגעגאַנגען אין ישראל און פאר ישראל. אָבער אַז דער ראַדיאָ גולם הייבט שוין אָן צו ריידן העברעאיש, האָט מען דאָך אים שוין מסתמא אונטערגעקלעבט דעם שם־המפורש אונטער דער צונג....

און בשעת חדוה, בשעתן „זיך איבערבעטן", בשעת מען „שטעלט דעם סאַמאָוואַר אויפן טיש", הויבט שוין אַ יידישיסט אָן צו גלויבן, אז די צייטן דיינען גאָר נישט ווייט, אז א ב.ב.ס. אין אַ דעמאָקראַטישע מדינה וועט אייַנזען אז אין אַ לאַנד וווּ ס׳לעבן צענדליקער טויזנטער מענטשן, וואָס ריידן און



פארשטייען יידיש, מעג אויך שוין זיין א יידישע ראַדיאָ־שעה... עס איז נישט מער ווי יושר!

פון פוילן הערן מיר שוין לאַנג אַ ראַדיאָ שעה! און איצט הערן מיר אויך שוין אויף דער „ישראל"־ראַדיאָ, קורצע וועלע $32^{8}$ יעדן אָוונט $8^{15}$.

בכל אופן האַלטן מיר פון דעם כלל: אין מערבים שמחה בשמחה! און מיר פרייען זיך מיט דעם שוין דערגרייכטן. און צו דער פייערליכקייט פון דער שעה דריקן מיר אייניקע העברעאישע לידער פון דער נייער יונגער ישראל ליריק אין דער פיינער איבערזעצונג פון ש. שפּיוואַק.

---

## פון דער יונגער העברעאישער ליריק

### א. ברוידס

### אויף תמיד

דו האסט דיין רוקן געווענדט, און אויס, געגנוג, אויף לאַנג.
אַ זיסער חלום איז צערינען.
פאַזע דעם ים, אויפן ראַנד פון אַ באַנק
שווייגן מיינע זינען.

מיר האט אַ כוואַליע געשעפטשעט און ווינט האט געזונגען מיר לידער:
„די נעכט פון ציון זענען שיין, אַ פראַכט!"
אַ שטערנדל געבלישטשעט האט געגנידערט
און מושלען זיך צערוישט דאָ מיט נאַכט.

דו האסט דיין רוקן געווענדט,
אַ סטרונע געפּלאַצט האט אין מיינע טעג
מיין הארץ האט געציטערט אין אומעט
געווען איז אַ חלום און אויס איז ער, אַוועק
אויף תמיד.

### דער ביטערער שווייס

דער ביטערער שווייס, דער שווייס וואָס רינט
טראָפּ צו טראָפּ צו אייביקייטן זיך פאַרבינדט
צו בונד געדראָזשעטן, צי בונט געגראַזשעטן אין ווי
פון אַ קנעכטישער אַרמיי.

דער ביטערער שווייס דער געזאַלצענער שווייס
וועט שימערן אין מלכות — קרוינען ווייס

אין מלכות פון המון אין קיניגרייך וואָס שאפט
פרייהייט, מי און קראפט.

דער ביטערער שווייס, דער אַרויסגעקוועטשטער שווייס
ברויט פון דער ערד געראט אלס זיין פרייז
אלס חסד — זכות פון זאטער טרייסט־ווערטער
פאר אַ מענטשנס וועגן אויף ערד דער.

## י. קרני

## אַ תחינה פון אַ פרוי

גאָט, פון אַ קאַלטן ווינט באַהיטן מיך ט:
און פון הייסע ווינטנס פראל.
פאַרן וויל פון די הינער, דעם גארטן און די קו,
וואָס אין שטאל.

אויך ווייל דו האסט מיך ארויסגענומען
אַ טרויעריקע פון אַ מוטער־שיידל: —
אַ זקנהס אַ קינד און פון אַ טאטן אַ זקן, אַ קרומען
אויף ציען ברויט פון פאָסנער ערד. און אַ טייטל.

און ווייל כ׳נעם אָן באהבה, מיט רו,
אי ס׳גוטע, ס׳שלעכטע אי וואָס שווער איז
(פון וועגן וואָס די תבואה איז קנאפּ און ס׳פגרט די קו.)
און איך — בין אויך מעוברת. . . .

## א. המאירי

## גיי שלאפן שוין

וועגט ווינקן מיר בסוד
וועגט ווינקן מיר: דאס פנים איז דיר בלאס
די בילדער ווינקן מיר: יעטוועד ווי: געדעכעניש — אַ שאָד

די ביכער קרעכצן: פון מידקייט זענען דיינע אויגן נאס,
דער רויך מיר מורמלט, שעפּטשעט רק
דער רויך מיר מורמלט: שכור, שכור, נו, נו, נו.



דער זייגער טיקט פאמעלעך: טאק
דער זייגער טיקט פאמעלעך: אויכעט דו
דו אויך!

ס׳ליכט מיך בלענדט פון גיהינום — לייד
אַ ציטריקע שכינה קושט מיין שטערן מיט אַ הויך:
גיי שלאפן שוין: ס׳איז שוין העכסטע צייט!

## י. ליכטנבוים

ווי אַ טייבעלע שפרייט אויס ווייסע פלעדערווישן: —
ריין ביזטו, טא גיי אליין דיין גאנג.
זיי נישט קיין גאסט ביי אלע פרעמדע טישן.
דיין קראָמע — אייביקייט, דיין וואַסער זאל געדירן לאנג.

צום גלאז פון דיין געטראנק פון זייער גלאזוואַרג נישט פארמיש.
און דו זיי ריין כאטש נייערט פוסטער שמועס איז זיי באשערט
און דו זיי תמיד שטיל: באגינען אין אָוונט און ביי מיטיק־טיש —
כאטש יעדער טייטלט: אַ פרעמדער גאסט אויף אונדזער ערד.

## א. ברוידס

דער זיידע האָט טלית און תפילין
און דלאָניעס צו גאָט געקערט,
ס׳אייניקל האט וואָכעדיקע מי
אויף ארץ־ישראל־ערד.

דער זיידע האט אַ מנין און אַ סידור
און ער דאַוונט באַזאַכט,
ס׳אייניקל — אַ ביקס און אַ קויל
אויף נאַכטישער וואַכט.

דער זיידע האט אַ טירעלע צום הימל
אים וועט דער גן־עדן שיינען העל,
ס׳אייניקל האט וויסטן פעלדז —
פרוכפערדיק געמאַכט אין ישראל (ישראָעל.)

## א. שלאַנסקי

# אַ זמר־ל

נישט אַ קעמל־קאַראַוואַן האָט געגנידערט דאָ און וויל קניען
נישט אַ קעמל הויקערט קעגנאיבער אַ פלאַנעט.
ס׳זיינען בערג דאָ! גלבוע׳ס בערג זיך ציען,
קוקן צו ווייטן, העט־העט.

זיי געדענקן נאָך ס׳בלאַנקע ווייס פון אונזערע געצעלטן און בייקעס
וואָס האָבן זיך געזעמלט אין טאָלן ווי טויבן.
זיי געדענקן די מזבחות פון אונזערע נעכט־דבקות
אָפגעזונגטע פון שרפה־ליד און גלויבן.

זיי געדענקן, זיי געדענקן נאָך... און מיר פונדעסן —
איז ווידער אונזער קאָפּ פון טל ווי דעמאָלט פייכט?
און נאָגט אַ זמר נאָך אין האַרץ אונז? און אפשר גאָר פאַרגעסן
וואָס צו פאַרגעסן איז נישט לייכט?

ווידער ווי אַנומלט שפּאַנט די לבנה בלייך
און ציט דעם באַראַן־האָרן פאַרקלערט
ווידער ווי אַנומלט עפנט ס׳האַרץ אַ טויער צו דער הייך
און ס׳דוכט זיך דיר: עס וועט זיך נישט פאַרפראַלן מער.

ווי פאַרשכורטע זיינען מיר היינט (שכור נישט פון געטראַנק)
קריקגעקומען אַהער, אויפן שטעגל דאָ, אין טאָל
כדי באַנייען לעם קוואַל אונזער גאַנג,
אויף צעהילכן לידער פון אַמאָל.

זינגט מיר ווייל ס׳איז גוט אַזוי, גוט צו הערן שירים
פּאַזע בלא און לבנה־שיין ווי דעמאלט.
זינגט! ביז אויך דער גלבוע וועט זיך רירן
און טאַנצן מיט אונז אין געזעמל.

וואָרעם געלאָקערט — איז דער זמר ווידער אייגן און טייער
ווייל דורך אים האָב איך מדבר פאַרזייט און מיט טרערן און צער.
טאָ ווי פאַסטוכער ביים וואָל אָפּשערנס פייער
באַקומען אויכעט מיר אונזער שכר
פאַר אונזער זינגעוודיקן בעטעניש: —
אַ פול גערעטעניש.



## א. דינאַבורג

# תל אביב די יידישע וואונדער שטאָט

(צום 40־טן יובילעאום)

תל אביב איז די יונגסטע שטאָט אין ישראל. ס׳איז ערשט פערציק יאָר ווי עס איז געלייגט געוואָרן דער ווינקלשטיין פאַר דער דאָזיקער וואונדער־שטאָט. אין משך פון דער דאָזיקער קורצער צייט האָט זיך תל אביב אנטוויקעלט מיט אַ געוואַלדיקע שנעלקייט און פון אַ קליינינקן קווארטאל נעבן דער אַראַבישער יפו איז זי פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין אַן איינגעאָרדענטער שטאָט מיט אַ פאַרפולקאָמטער וואַסער־ליטונג, עלעקטרישע באַלייכטונג, שיינע גאַסן מיט אַספאַלטירטע שאָסייען, גרויסע געביידעס אויף דעם אייראָפּעאישן סטיל, מיט בלומען גערטנער און בוימער־אַלייעס. מיט איין וואָרט: אַ קול־טורעלע שטאָט מיט אַלעמען.

### די ערשטע טרוימער

אַ חלום איז אין ארץ ישראל אַ שטיק ווירקלעכקייט. ביי די ערשטע טרוימער פון תל אביב איז עס געווען אַ שיינער חלום. עטליכע יידן וואָס האָבן געוווינט אין יפו האָבן אין יאָר 1909 אויסגעבויט אַ נייעם קווארטאל אין נאָענטקייט פון יפו׳ער פּאָרט. און דאָס דאָזיקע איז זיך שטאַרק צעוואַקסן אין משך פון די 40 יאָר. מען מוז אָבער אַראָפּרעכענען פיר יאָר פון דער ערשטער וועלט מלחמה, בעת ווען מען האָט אין ערגעץ נישט געבויט, נאָר אומעטום בלויז צושטערט. דערנאָך איז אָבער געקומען אַן אויפשוונג, וואָס האָט אין אָריענט קיין גלייכן ניט. פון אַלע טיילן פון דער ערד האָבן יידן זיך צוזאַמענגעשטראָמט. פון מזרח אייראָפּע און פון אינדיען, אַמעריקע, פון תימן און פון מערב אייראָפּע. מען רעדט דאָ יידיש, ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש און אַראַביש. דאָך פאַראייניקט אַלע די אָפיציעלע שפּראַך העברעאיש.

אין די ברייטע גאַסן לויפן אויטאָמאָבילן; עס גייען קעמלען מיט משאות, עס שפּרייזן אַנגעלאָדענע אייזלען און שנעלע אויטאָבוסן באַזאָרגן דעם פאַר־קער קיין יפו וווהין זיי קומען אָן יעדע פינף מינוט.

### די דערבייאיקע יפו, וואָס איז ערשט נעכטן געווען אַ שטאָט פון „טויזנט און איין נאַכט"

איצט זעסטו אין יפו אַ שטאָט מיט יידן. ערשט נעכטן איז יפו געווען די סאַמע אַראַבישע שטאָט און דער אונטערשייד צווישן יפו און תל אביב איז געווען געוואַלטיק. יפו איז געווען די שטאָט פון טויזנט און איין נאַכט, וווּ דער טאַרבוש מיט׳ן טורבאַן (אַ פאַרביקער מלבוש) מיט׳ן רויטן פּעס זיינען געווען זאַכן וואָס האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן.

ווי גרויס פלעגט זיין דער אונטערשיד, אָבער ווען דער אויטאָמאָביל פיהרט אַריין צוריק קיין תל אביב, געפינט איר זיך אין אַן אייראָפעאישער שטאָט, וואָס מיט אירע רוישיקע אויטאָמאָבילן און קאָכעדיקן לעבן, ווייזט קלאָר, וואָס דער טעמפעראַמענט און ענערגיע פון יידישן איינוואַנדערער האָט אויפגעטון אין אָריענט. תל אביב אונטערשיידט זיך גאָרניט פון אַ קוואַרטאַל אין אַ אייראָפעאישער שטאָט, און אויסער די ראָטשילד אַלעען, מיט די שיינע גערטנער פאַרמאָגט זי אַזוינס, וואָס זאָל איר צוגעבן אַ ספעציעלן כאַראַקטער. אָבער אין מיטן־וואָכנדיקן פאַרנאַכט מאַכן אַ געוויסן איינדרוק די קולות פון די צייטונגס פאַרקויפער (אגב, כמעט דורכאויס תימנ׳ער יידן) וואָס לויפן אַרום איבער די גאַסן מיט די לעצטע אויסגאַבן פון „הדור“, „ידיעות אחרונות“ און „מעריב“. אָבער דער עיקר דערשפירט מען דאָס יידישע תל אביב אין אַ שבת אָדער אַ יום־טוב׳דיקן טאָג. שוין פרייטאָג נאָכמיטאָג הויבט זיך אָן צו שפירן אין די גאַסן דער הייליקער שבת. „שומרי שבת“ גייען אַרום אין גאַסן און בלאָזן שופר, אָנזאָגנדיק אַז דער שבת דערנענטערט זיך. דער קול פון דעם שופר טראָגט אַריין אַ ציטער, און אָפט מאָל קאָנט איר זען אַ בילד, ווי דער תימנ׳ער שוך־פוצער וואָס איז שטאַרק פרום, וואַרפט גלייך אַוועק די אַרבייט און איילט זיך אַהיים מקבל שבת צו זיין.

מיט׳ן אָנקומען פון שבת הויבט אָן צו הערשן אין שטאָט אַ וווּנדערליכע שטילקייט. אַלע געשעפטן שליסן זיך אָפ און די שטילקייט ווערט מיט גאָרנישט צושטערט. שבת פאַרנאַכט זעט מען ווי אַ גרויסע פיל־פאַרביקע מאַסע שפאַצירט צום ים. איר קענט דאָ זען די רייכע בוכארער יידן מיט זייערע פורפורנע כאַלאַטן, וואָס שימערירן פון דער ווייטנס און די אָרימע תימנ׳ער, וואָס פוצן זיך אויס לכבוד שבת אין אַלדאָס בעסט — העלע קאַפאָטעס, און איבער אַלעמען אונזערע אשכנזישע ברידער, אויסגעפוצט לויט דער לעצטער מאָדע.

### דער וואוקס פון תל אביב

אַזוי ווי עס איז היינט פערציק יאָר זינט דער גרינדונג פון תל אביב בעטן מיר דעם פינאַנץ דירעקטאָר פון תל אביב ה׳ ארגאוו, ער זאָל אונז איבערגעבן עטליכע פרטים וועגן דער ענטוויקלונג פון דער שטאָט.

כדי צו געבן אַ קלאָרן איבערזיכט פון דער ענטוויקלונג פון תל אביב — זאָגט ה׳ ארגאוו — איז די בעסטע זאַך צו אילוסטרירן מיט סטאַטיסטישע ציפערן דעם בודזשעט אין פאַרלויף פון די פערציק יאָר זינט דער ענטשטייאונג.

דער ערשטער בודזשעט פון תל אביב אין יאָר 1909 האָט באַטראָפן 1051 ענגלישע פונט. אין יאָר 1920 — 10,000 פונט; אין 1930 — 100,000 פונט; אין יאָר 1940 500,000 פונט; אין יאָר 1943 1,000,000 פונט; אין 1948 — 3,800,000 פונט.

דער בודזשעט פאַר דעם לויפנדיקן יאָר וועט באַטרעפן לערך 6,000,000 פונט.



די הכנסות פון דער עיריה באַשטייען פון דירות־שטייער, האַנדלס־פאַטענטן און שטייערן פון ליידיקע פלעצער.

פופציק פראָצענט פון דעם בודזשעט גייט פאַר שול־צוועקן, קולטור, סאָציאַלע הילף און שפיטעלער. עס זיינען פאַראַן אין תל אביב 45 עלעמענטאַרע שולן און צוויי מיטעלע שולן, שטאָטישע גימנאַזיעס. עס איז אויך פאַראַן אַ פאַך־שול פאַר מעטאַל און סטאָלעריי.

30 טויזנט קינדער פון תל אביב לערנען זיך אויף דעם חשבון פון דער עיריה. זיי באַקומען בחינם אַלע שרייב געצייגן, ביכער, העפטן און דאָס גלייכן. יעדער שילער קריגט איינמאָל אין טאָג געקאָכט עסן. באַזונדערס ווערט געפירט אַן אַקציע, וואָס רופט זיך „מפעל הלבשת הילד“, געשטיצט פון דער עירית תל אביב.

חוץ די אויבנדערמאָנטע שולן זיינען נאָך פאַראַן צוויי מוזיקאַלישע שולן און איין הויך־שול פאַר פאָליטישער עקאָנאָמיע („בית הספר הגבוה למשפט וכלכלה“).

עס זיינען פאַראַן אין תל אביב צוויי גרויסע שפיטעלער פאַר אַלע קראַנקייטן. זיי זיינען גוט איינגעאָרדנט, לויט די לעצטע מעדיצינישע פאַראָרדנונגען. די סטאַטיסטיק באַווייזט אַז אין די שפיטעלער ווערן געבוירן 4,000 קינדער אַ יאָר.

די עיריה זאָרגט אויך זייער פיל פאַר די קולטורעלע צוועקן פון דער באַפעלקערונג. אין תל אביב האָבן מיר ביז היינטיקן טאָג פיר טעאַטערן, פופצן קינאָ־טעאַטערן, איין פילהאַרמאָניע און זיבן ביבליאָטעקן.

אין תל אביב גופא פונקציאָנירן זעקס ביוראָען פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג, צוויי קלובן פאַר פרויען פון 16 יאָר אָן, מגן־דוד אַמבולאַנסן און פייערלעשער־סטאַציעס, וועלכע האָבן, לויט דער לעצטער מאָדערנער טעכניק, איינגעאָרדנטע שטעלן.

### די צוקונפט פון תל אביב

די צוקונפט פון תל אביב איז דער פאָרט. דער גרעסטער און וויכטיקסטער פלאַן איז צו שאַפן אַ טיפן וואַסער־פאָרט. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז אַראָפגעבראַכט געוואָרן אַ גרופע אינזשענירן ספעציאַליסטן פון אַמעריקע, וועלכע פאַרנעמען זיך איצט מיט פאַרברייטערן און פאַרגרעסערן דעם פאָרט. אין דער אַרבייט באַטייליקן זיך אויסער דער עיריה אויך די רעגירונג און די סוכנות.

די אינזשענירן פאַרנעמען זיך אויך מיט אויפבויען אַ צענטראַלע סטאַציע פאַר וואַסער, וואָס וועט ציען אירע וואַסערן פון גרויסן וואַסער־קוואַל ביי פתח־תקוה — ראש העין.

עס איז כדאי צו באַמערקן אַז ביז איצט ציט די שטאָט דאָס וואַסער פון 30 פאַרשידענע ברונימער און ערשט נאָך דער פילטראַציע ווערט דאָס וואַסער צופירט אין די רערן פון דער שטאָטישער וואַסער־לייטונג.

תל אביב האָט אָפּגעקויפט שרונה און וויל דאָרטן בויען אַ מאַרק לויט די לעצטע מאָדערנסטע פאָדערונגען. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז מען געפאָרן קיין קאַליפאָרניע און אויף יענעם סיסטעם איז געפּלאַנירט געוואָרן דער מאַרק. בכדי תל אביב זאָל האָבן אַ גוטע קאָמוניקאַציע האָט מען אויסגעבויט אַ שאָסיי תל אביב־נתניה. עס איז אויך דאָ אַ פּלאַן צו פאַרברייטערן תל אביב דורך איינגלידערן אין איר דעם עבר הירקון. דאַן וועט דער צאָל פון איינוואוינער דערגרייכן ביז אַ האַלבן מיליאָן.

תל אביב ציילט 12,000 הייזער. געשעפטן זיינען פאַראַן 25,700. די לעצטע צייטן האָט די עיריה געבויט אין זאבלאווי (יד אליהו) איינער פון די שענסטע קווארטאלן פון תל אביב, 979 דירות מיט אַלע באַקוועמליכקייטן. אָט איצט בויען זיך ווייטער 242 דירות, ווו עס וועלן איינגעאָרדנט ווערן קודם כל די נייע עולים, וואָס קומען אָן פון אייראָפּע.

ווי מען פראַוועט יום־טובים איבער די גאַסן פון תל־אביב

תל־אביב איז אַ סוחר׳ישע שטאדט, „עיר רוכלת עמים", ווי מען פלעגט רופן די דאזיקע שטאדט אין די פריעריקע יארן, ווען ס׳פלעגן פארקומען אלע יאר אויסשטעלונגען און סוחרים פלעגן אהער קומען פון ארבע פינות העולם.

תל־אביב איז אבער אויך אַ יידישליכע שטאדט, די ימים טובים ווערן אין תל־אביב געפייערט מיט מער פאראד ווי אומעטום. „אין קיין שום ארט אין דער וועלט — שרייבט ריכטיק דער העברעאישער דיכטער א. ז. בן־ישי אין זיין ביכעל איבער תל־אביב — ווערט יום־טוב ניט אַזוי געפייערט ווי אין תל־אביב. אויב ס׳איז אַ יום טוב אין וועלכן מלאכה איז אסור פייערט אים תל־אביב אין דעם ריכטיגן אופן, און אויב ס׳איז סתם אַ פייערטאג, אין וועלכן ארבעט און באוועגונג זיינען מותר, דעמאלס באהערשט די גאנצע שטאדט איין גרויסע פאלקס־פרייד. די אלטע יידישע ימים טובים וועלכע האבן אין גלות פארלוירן זייער צורה און אינהאלט צוליב דער פרעמד און וואָכענדיקער סביבה, און זיינען ווי אויסגעוועפּט געוואָרן, ווערן באַנייט אין ארץ־ישראל און באַקומען אַ נייעם זין און אויסזען. סוכות, דער חג האסיף, איז יום טוב פון ערד ארבייטער אין עמק יזרעאל און דער יום־טוב פון דער שטאדט תל־אביב. די יידישע שטאדט מיטן יידישן דארף זיינען פארבינדן. אַ יאר פון ברכה אין עין חרוד און נהלל גיסט אריין פרייט אין די הערצער פון די טענצער אויפן „ככר ב׳ בנובמבר" און „ככר מגן דוד" (צוויי פלעצער אין צענטער פון תל־אביב, וואו יום־טוב טאנצט די יוגענט.) חנוכה איז דער יום־טוב פון די אמאליקע מכבים, דער יום־טוב פון ליכט. די פראכטפולע פאקעל־צוגען פון די שול־קינדער אין חנוכה און די עלעקטרישע חנוכה־לאָמפּן, וואָס גיסען זייער שיין פון די שפיצן פון עפענטליכע בנינים אין תל־אביב און וועלכע מ׳זעט מילן ווייט פון שטאדט — דאס אלץ איז שוין פון די באפעסטיקטע טראדיציעס אין לעבן פון תל־אביב. שעהן און רירענדיק איז דער יום־טוב חמשה עשר באב, ראש השנה לאילנות, ווען טויזנטער קינדער,



„בעוואָפּענט" מיט כלים פון ערד אַרבייט און בעצירט מיט בלומען קראנצן אויף זייערע קעפּ, גייען ארויס באגעגענען דעם פרילינג מיט נייע פלאנצונגען אין די גערטנער און די שטאדטישע אלעען, זינגענדיק לידער פון פלאנצן און בליען. פסח איז דער יום־טוב פון פרייהייט — פרייהייט אין אור־אלטע צייטן און נייע פרייהייט, וועלכע חזר׳ט זיך איבער אין אונזער צייט. די סדרים אין תל־אביב בציבור זיינען גרויסע פעסטן, ווי נאר אמת׳ער בני חורין קענען פייערן. ל"ג בעומר מיט זיינע פייערליכע שייטערן, וועלכע פעוואַנדלען גאסן פון תל־אביב אין איין גרויסער פלאמענדיקער פרייד.

און מער פון אלע — פורים, דער יום־טוב פון קארנאוואל און ליצנות, וועלכער איז שוין געוואָרן אמין מאנאפאל פון תל־אביב. אין די טעג ווערט תל־אביב פערוואַנדעלט פון אַנ׳אַרבייטס און האַנדלס־שטאדט, און אַ שטאדט פון שמחה, און זי רוישט מיט צענדליקער טויזנטער מענטשן וועלכע גיסן זיך אַריין פון די שכנות׳דיקע ערטער און פון גאנצן לאנד.

---

## לעא קעניג

# זיי האבן געטאנצט די „הארא"

(אַ פאַרצייכנונג)

איך ווייס ניט פון וואַנען די „האָראַ" שטאמט, וואָס פארא גלגולים אט דער פאלקס טאנץ האט דורכגעמאכט ביז ער איז געוואָרן נאציאנאַלער טאנץ פון די בויער פון ישראל.

אין אונדזער יידיש לעבן זיינען דא אַזוי פיל נגונים, מנהגים און טענץ וואָס מיר ווייסן ניט פון וואַנען זיי שטאמען, פון וואָס פאר אַ גלות מיר האבן זיי געירשנט און וואָס פארא גלותן זיי האבן דורכגעמאכט ביז זיי זיינען געוואָרן אונדזער אייגנס. . . .

איך געדיינק מיט יארן צוריק האט מיר אַ פריינט דערציילט אז אונדזער „כשר טאנץ" מיט זיין בארימטן נגון „דער רבי האט געהייסן פריילין זיין... לאפ־טירי־ראם־טאם"... שטאמט גאר פון שפאניע; און אז ער האט אליין געזען און געהערט שפאנישע קינדער זינגען און טאנצן דאס כשר טענצל אין די גאסן. . . .

און אזעלכע איבערראשנדיקע אנטפלעקונגען קומט אונדז אויס צומאכן זייער אפט. מיר האבן זיך אזוי איינגעלעבט און פארדייעט מיט א סך פון אונדזערע „עכט יידישע" און טראדיציאנעל געוואָרענע מנהגים, נגונים, זיטן און מאכלים אז מיר וואָלטן געקענט שווערן אַז זיי שטאמען פון בארג סיני אַליין... אָבער ווי נור מיר שטעלן אויף זיי אן די פארשונג־אספקלריה מוזן מיר אנערקענען אז זיי זיינען איבערבלייבעכצן פון אונדזערע פארשידענע גלותן...

קענען מיר זיך אפילו צוגלויבן אז אפילו דער קוגל און די קניידלעך בכבודם ובעצמם זיינען גאר עכט דייטשע מאכלים, שפייזן... צו אז, להבדיל, אפילו דער שטריימל און די לאנגע פרומע רבנישע פעלצן זיינען סלאווישע טראכטן? ווער פון אונדז האט פאר זיך אליין ניט געמאכט די אנטדעקונג, אויף אַ קאנצערט צו פון דער ראדיא אַז אונדזער „התקוה" איז גאָר אַ לייט־מאָטיוו אין אַ מוזיקאַלישער פּאָעמע וואָס טראגט דעם נאמען „פּאָטערלאַנד" פונם טשעכישן קאָמפּאָזער סמעטאנא...

און ניט מיר אַליין האבן גענומען פון אַנדערע פעלקער, און פאַרדייענדיג דאס אנטנומענע און געבארגטע, געמאכט פאר אייגנס!

אַסך מאל טראכט איך: ס'איז אַ גרויסע שאד וואָס די אינטעלעקטואלן ביי אלע פעלקער זיינען אַזוי פיל באשעפטיגט מיט זייערע נאציאנאלע אייגנאַרטיקייט, מיט באַווייזן פון זייער נאציאנאל־שעפערישער אָריגינאליטעט (וואָס איז אפט גארנישט אַזוי גרינג צובאַווייזן).

און זיי פארזעען און פארגעסן צו באַמערקן אויף די גרויסע ענליכקייטן, אויף דער גרויסער קרובהשאפט צווישן די פארשידענע אַזוי גערופענע „אָריגינעלע" נאציאנאלע קולטורן, נאציאנאלע קאסטיומען און שטייגער־לעבן...

מען גריבלט זיך אזוי פיל און אַזוי פיינליך אין די פארשידנהייט־ניואנסן, וועלכע זיינען זיכער פאראן, און מען פארגעסט, אפטמאל במזיד, צו באמערקן די גרויסע ענלעכקייטן אין ריטם, קאלאריט און כאראקטער צווישן די פארשידענע „עכט און ריין נאציאנאלע שאפונגען — זייער אוניווערסאַליזם....

ס'איז אַ גרויסע שאד און פאר די פעלקער אַליין: זיי וואָלטן זיך אפשר וויניקער ארומגעריסן, ארום און צוליב זייערע אייגענע „וועגן פון לעבן" און טאקע מער געלעבט און געשאפן פאר זיך און פאר אַנדערע.

ווייל ניט נאר יידן האבן גענומען פון אַנדערע פעלקער און אנדערע פעלקער פון יידן; נאר אלע פעלקער האבן געבארגט איינע פון די אנדערע און געמאכט עס פאר אייגן; פאר נאציאנאַלאייגנטום... און ניט נאר געבארגט, נאָר, ניט נאכמאכנדיק, ענליך געלעבט, געקליידט און געזונגען... ווייל די עלעמענטארסטע און פונדאמענטאלסטע מאטיוון אינם לעבן פון מענטשן און פעלקער זיינען דאך די זעלבע.

* * * * *

נו וואָס איז שוין דער חילוק פון וואַנען פון וואָס פאר גלות די „הארא" שטאמט? אפשר שטאמט ער פון די קאלטע סלאווישע קלימאטן? אפשר פון די מאלדאווישע צו רומענישע פאלקס טענץ? וואָס איז דער חילוק, ווען דער טאנץ איז שוין לאנג געוואָרן אונדזערער — דער נאציאָנאלער טאנץ פון די בויער פון ישראל? וואָס איז דער חילוק ווען די הארא איז שוין לאנג מגולגל געוואָרן אין אַ נייעם יידישן כשר־טאנץ... סרעדט זיך אַזוי „לאנג"; וואָרום ווי אַלט איז אינגאנצן דער טאנץ, די „הארא"? אפשר אַ האַלבער יאָרהונדערט ווי ער איז געבוירן געוואָרן, אדער אפשר דארף מען זאגן מגולגל געוואָרן אין ארץ ישראל: די ערשטע דורות חלוצים, די ערשטע און די צווייטע עליה,



האבן גערארפט טאנצן: דאס לאנד איז געווען וויסט, דער באָדן הארט, די לופט־מאלאריש... מען האט גערארפט טאנצן צו פאַרגעסן, צו פארטאנצן די אַלע אונגעהויערע שוועריקייטן... דער חלום פון שיבת ציון איז נאך געווען חלום... ווערטער און אפילו געזאנג אליין האבן ניט געקענט אויסדריקן אלע שוועריגקייטן, שטרויכלונגען און האפנונגען... ס'האט זיך גענויטיגט אַ „כל עצמותי תאמרנה"... פארשטאנען און פארגעסן אלע שוועריקייט, און אין טאנצן מונטערן און שטארקן די האָפנונגען....

אין קליינינקייט: בויען אַ וויסט לאנד און צום לעבן רופן אַ פאלק, וואָס האט פארגעסן וואָס הייסט אַ פאלק זיין...

האט מען געטאנצט... און ס'איז געוואָרן אַ „הארא"....

* * * * *

איך האב געזען ווי מען האט געטאנצט די הארא אין א"י מיט אַ פערציג יאָר צוריק. (און ווער, וואָס פארא יונגער בחור, האט געקענט צוזען ווי מען האט געטאנצט די הארא און ניט אַריינגעריסן ווערן אין דער ראד, און ניט אַריינפלעכטן זיין ארעם און אקסל אין דעם פיינעם קראנץ פון יונגע ארעמס און אקסל)?

אונדזער בעסטע יוגנט פון רוסלאנד, פוילן און ליטע... געוועזענע סטודענטן, עקסטערניקעס, בעלי בתישע קינדער, און היינט (ד"ה מיט אַ פערציג יאר צוריק) שטיין־האקער און טשעסלער, ערד אקערער און זאמד רייניקער, שומרים מיט ביקסן און פּאָעטן; און פּאָעטן שומרים... אָפּגעריסן און אפּגעשליסן זיך געבלאנקעט אין די יפו־ער האטעלן (ביי חיים ברוך און ספעקטאר)... און מען האָט געטאַנצט נאך אַ שווערן טאג אַרבעט, נאך אַ שווערן זמן ארבעט... געטאנצט ביז שפעט אין דער נאכט, ביז קאיאר... באהעמיש־חסידיש, נייע יונגע יידן... מען האט געפיבערט און געטאנצט... איך האב געזען ווי פיבעריקע חברים האבן פון זייערע קראנק־בעטלעך געמוזט אויפשפרינגען און מיטטאנצן... אַזוי האט מען געטאנצט די הארא מיט א פערציג יאר צוריק אין ישראל.

* * * * *

און איך האב געזען די הארא טאנצן ערשט דאָ אַנומעלטן דאָ ביי אונדז אין לאָנדאָן אויף דער וויקטאָריא סטיישאן... אפאר צענדליג יונגגע הבונים זיינען אָפּגעפארן קיין ישראל. (מיין יונגע טאכטער איז געווען צווישן זיי און איך בין איר געגאנגען באַגלייטן)... יונגע קינדער, אונדזערע קינדער... איך האב געקוקט אויף זיי מיט נחת און... שיער ניט מיט אייפערזוכט: מיר שיקן זיי פונם בעסטן, און מיר ווערן אָרימער... אבער דאך... און פלוצלונג, אַ צען מינוט רירן פונם באן... וואַקסט אַ הארא אויף דער פלאטפארמע פונם ענגלישן באַן־הויף... און די ראד ווערט גרעסער און גרעסער, דער טאנץ שטארקער און בעסער... די ענגלישע פארטערס שטוינען און באַוואונדערן... פנו דרך... און זיי מאכן וואַרע... רייניקן די פלאטפארמע פאר דעם טאנץ פון די יונגע יידן... זיי האבן נאך אַזוינס ניט געזען....

## א. מ. פוקס

# טונקעלע טעג

(דערציילונג)

(המשך)

— שאַ, שאַ, דער פּריץ גייט... — האָט עמיץ וואָרנענדיק אַ פּליסטער
געטון און דער צונויפגעדרענגטער עולם יידן אין דער גמינע האָבן אַלע אין
איינעם גיך אַ שווערן הויב געטון די אַקסלען, גלייך ס׳וואָלט זיך פּלוצים
איינגעבראָכן די סטעלי איבער די קעפּ, און מען וויל זיך באַשיצן קעגן די
אַראָפּפאַלנדיקע דעמבענע באַלקאַנס.

באַנומען, האָט מען אָנגעשטעלט די באַטריבטע אויגן, ווי מיד פאַרזונקן
אין אַ אַגרייליכן נייגיר פון אַ טויב־פאַרקלעמטער דערוואַרטונג, וואָס האָט
שוין ווידער טעמפּ געהויערט אין צערייכערטן האַלב־טונקל, ווי אַ בלייערנער
כמאַרע־קנויל אָנגעדראָלן מיט וויסטן הפקר.

וואָס וועט דאָ געשען? וועמען האָט עס דער בלינדער גורל שוין אָנגע־
צייכנט דאָ פאַרכאַפּט צו ווערן פון עפּעס אַ בייזער צרה, וואָס לאָקערט ווי אַ
חיה־רעה צו פאַרצוקן דעם קרבן?

פּאַוואָליע און באַדעכטיק, מיט טענצלדיקן שפּאַן, גלייך ער וואָלט גע־
ריטן אויף אַ פערדל, גענענט דער קאָמאַנדיר צום געזעמל יידן. זיין שיין גע־
שוירן געל האָניק־בערדל איז זייטיק אונטערגעהויבן ווי אַ העקל. דעם לע־
דערנעם קאַנטשיק האַלט ער אַצינד נאַכלעסיק־צעפּאָכעט, ווי אַ שפּיל־ביי־
טשל, מיט צוויי פינגער. דאָס האַרטע, האָר־בערשטל אויפן קייליכיקן קאָפּ
פאַררייסט נאָך שפּיציקער זיין קליינע נאָז צווישן די ברייטע, פעט־גערויטל־
טע קינבאַקן, און די געדרייטע, געלע וואָנצעס זען אויס ווי קליינע בייטשלאַך.
בייז סקריפּעט די צערייצטע הערשער־גאווה פון זיינע גלאַנציקע שטיוועֿ־
לעך, שפּאַרט זיך מאכטיק פון זיין ענג־אָנקעפּילטן מיליטער מונדיר מיט די
גילדענע שטערן און זילבערנע בענדלעך, אַז אָט, דאַכט זיך, וועלן די מע־
שענע קנעפּ אַראָפּשפּרינגען פון זיין געפּלאָצטער, ברייטער ברוסט. מיט אַ
פאַרקרימטער מינע, גלייך ס׳וואָלט אים ניט גוט געוואָרן פון עקל, ווי ביים
אָנבליק פון אַ געזעמל קרעציקע, טוט ער זייטיק אַ בייזן, נמאסן שפּיי:

— פּשיא־קרעוו, זשידקי פאַרשאָלטענע... אָט דאָס זיינען זיי די פרעמ־
דע, שאכרייעס, גנבים, ציגיינער, בלוט־זויגער, האָבן זיך ווי די פּעסט איינ־
געפרעסן אין אונזער לאַנד און ווילן פאַרקנעכטן דאָס באַפרייטע פּוילן... נאָגן
אויס די קריסטלעכע פעלקער און קערן איבער די וועלט מיט רעוואָלוציעס,
רויבן אָן קאַפּיטאַלן און פאַרכאַפּן די וועלט־הערשאַפט... קאָמוניסטן... באָל־
שעוויקעס... טראָצקי־בראָנשטיין!... ראַדעק־סאָבעלזאָן... בעלא קון־קאָהן... די
צרה קאָן אים אַליין אויכעט טרעפן. ער איז אַ יחסנדיקער מאַגנאַט, אַ גרויַ־
סער פּריץ, אַ רייכער יורש פון די קאָפּוסטיטשינקעס, אַ גוט־באַזיצער פון
מענגעס דערפער, פעלדער און וועלדער, מילן, פאַבריקן און גראַלניעס, מיט



טויזנטער אַרבעטנדיקע פּאַראָבקעס און טאָג־לוינער. ער לעבט אין פּאַלאַצן,
באָדט זיך אין וואוילטאָג, פאַרשפּילט פאַרמעגנס אין קאָרטן; און דאָ קומען
פּלוצים די יידן און די קאָמוניסטן און ווילן פאַרכאַפּן זיינע פאַרמעגנס, פאַר־
טיילן זיינע גיטער צו די פּויערים, אָפּגעבן זיין באַזיץ צו די אַרבייטער און
פּאַראָבקעס, און ער וועט בלייבן נקי... ער וועט מוזן עוקר זיין פונם פאָטער־
לאַנד, אַנטלויפן מיט די ביינער און ווערן אַ שטיוול־פּוצער אין פּאַריז... דערי־
בער טאַקע איז ער איינגערוקט אין גענעראַל האַלערס לעגיאָן. ער איז אַ פּאָל־
קאָווניק און פירט מלחמה קעגן די שונאים פון פּוילן, פאַרכאַפּט שטעט און
שטעטלעך און זיינע זעלנער שלאָגן און הרגענען די קאָמוניסטן און די יידן...
דער גרימצאָרן ברענט אַצינד מיט פאַרביסענער שנאה פון זיין גאַנצער
קרעפּקע־אויסגעסטראַיעטער יונגער געשטאַלט, אַזש ס׳זעצט, דוכט זיך, אַ
רויך פון זיין גערויטלט־צערייצטן פּרצוף, און זיינע ציין זיינען ווייס און
שאַרף פאַרשפּיצט־אַנטבלויזט פון בלוט־דורשט, ווי ביי אַ וואָלף. נאָר דער
קאַלטער רשע־בליק פון זיינע פאַרשטאַרטע בלאָע אויגן בלייבט, ווי אַ שפּין,
מוראַדיק שטום באַהעפט, ווי גיפטיק איינגעפרעסן אויף חנא־איצי דעם
מלמדס גרייז־גראָען באָרדיקן קאָפּ מיט דער שוואַרצער סאַמעטן, אָפּגעריי־
בענער יאַרמולקע, ווי אַ צוגעקלעפּט ערדערן שיסעלע.

דער געבויגענער זקן האָט שוין דאָ עפּעס אַ צרה־פּעקל. די זעלנער
האָבן אים געכאַפּט ביים פאַרבאָטענעם מסחר. ער האָט פאַרקויפט, אָן אַ
שטייער צעטל בייגל און מאָן־פּלעצלעך. מען האָט ביי אים אַוועקגענומען
ס׳קיישל געבעקס מיט די אָפּגעלייזטע עטליכע אייזערנע זעקסער און קו־
פּערנע גרייצער פונם קניפּל, וואָס ער האָט געהאַט באַהאַלטן אין דער אונ־
טערשטער קעשענע פון זיין געלאַטעטע קאַפּאָטע. ער וואַרט אַצינד אויף זיין
פּסק און די יידן מיינען, אַז דער אַלטער וועט זיך דאָ אודאי נעמען פאַרענט־
פערן און אָפּבעטן ביים קאָמאַנדיר מיט ווייכע רייד פון רחמנות. נאָר זיין
בלייך־אויסגעצוימט פאַרמעט־פּנים מיט דער שניי־ווייסער צוויי־שפּיציקער
באָרד איז גאַנץ רואיק און ווי פאַרטראָגן אין אַן אַנדערער וועלט. ווארום כל
ימיו האָט ער ניט קיין מורא פאַר מענשן, נייערט פאַר גאָט אין הימל טוט ער
זיך תמיד פאָרכטן. קלאָר און שאַרף נעמט ער רעדן, זייטיק־געווענדט צו די
יידן, גלייך ער וואָלט דעם עלטסטן גאָרנישט באַמערקט, מיט זיין האַרבן־
געצויגענעם גמרא־ניגון, וואָס קומט געדעמפּט, ווי עפּעס אַ ווידער־קול פון
אַ שטייניק־פאַרבאָרגענער הייל, שאָטנדיק געל־צעפּלעמלט מיט הייליקן
אָטעם פון וואַקסענע, ברענענדיקע צעטריפטע נשמה־ליכט:

— נו, נו, אַ גזירה... אַ ביטערע גזירה, ווי דעמלט בשנת ת״ח, אין
די פינצטערע טעג פון דעם כמל־הרשע, ימח שמו וזכרו... ווידער איז היינט
אויסגעגאָסן גאָטס צאָרן אויפן בית־ישראל. ווידער פליִיצן טייכן יידיש בלוט
אונטער דער טויט־שווערד פונם ווילדן רוצח. אָך, אָך, אָך — טוט ער אַ טיפן,
גרויליקן זיפץ, וואָס שניידט שאַרף ווי אַ מעסער דאָס האַרץ מיט ברענענ־
דיקן פּיין — אַז אַך און וויי, גאַנצע קהלות קדושות מיט יידן שעכט אויס

דער בייזער שונא. פּאָגראָמען מאַכן זיי, די טמא ערלים. מאָרדן און הרגענען
יידן אין די שטעט און שטעטלעך, דאָרט אין דער אוקראַינע און אין פּוילן
און אויכעט ביי אונז דאָ, אין לאַנד גאַליציע. אין לעמבעריק האָבן די רוצחים
אונטערגעצונדן די אַלטע שול און פאַרברענט די קדושים מיט ווייבער און
קינדער. ווידער טוט זיך אדום באָדן אין אונזער בלוט און פאַרטיליקט דעם
זאמען פון אברהם... אוי, פּאָטער דערבאַרעמדיקער אין הימל, עד מתי, ביז
וואַנען וועסטו אַזוי שווער פּרואוון דיין אויסדערוויילט פּאָלק? זע, גאָט, דעם
גרויסן בראָך פון דיינע פאַרוואָגלטע קינדער אין גלות. פאַרנעם, באַשעפער
פון דער וועלט, דעם וויי־געשריי פון דיין געטרייען קנעכט יעקב, וואָס טוט
טון דיך דינען מיט ליבשאַפט און הייליקט מיט פרייד דיין נאָמען אין אייבי־
קייט. גיס אויס דיין גרימצאָרן אויפן קאָפּ פונם בייזן שונא, וואָס וויל דיך
נישט קענען, שיק גיך און באַלד אין אונזערע טעג דיין וואָרהאַפטיקן גע־
זאַלבטן קעניג און דערלייזער, אָנגעגורט מיט מאַכט און גערעכט פון דיין
שטאַרקער האַנט. וואָרום באו מים עד נפש. אוי וויי, דער זידיקער כוס פון
לייד און קלאָג איז שוין פאַרפול...

דער פאָרכטיקער געברום, פרום־אָנגעזאַפּט מיט הייסע קלאָג־טרערן, ריי־
זעלט מיט שטילן נאָגנדיקן געפלאַטער פון דעם זקנס שיף־צעעפנטע לעפצן
אין דער ווייסער באָרד־האָריקייט, ווי אין דער טיפעניש פון די נעכט, ווען
ער ריכט אָפּ חצות, דאָרט אין זיין געהויקערטן, ליימענעם שטיבל אין אָרע־
מען שול־געסל, ביים געדרויטלטן ליכט־שיין פונם פאַררייכערטן נאַפט־לעמפל
און ברומט די פאַרהוילענע תפילות פונם דיקן, אַלטן סידור, צעקרעכצט, מיט
פאַרצוואָגטע אויגן, טיף פאַרזונקענע אונטער די געדיכטע, ווייסע ברעמען־
בינטן, דעם גרויסן, צעאַקערטן למדן־שטערן הויך אויסגעוועלבט, אין פויסט
שטאַרק פאַרביילט דערהויבן, ווי אין לאַנג־געצויגענעם אחד־געשריי, וואָס
עפנט די טויערן פונם הימל און פאַרטרויערט די שכינה מיט האַרבן געוויין.

און פלוצים טוט ער אַצינד, העפטיק־פאַרכאַפּט, אַ דריי, ווי אַ ווערבל־
ווינט, זיין געבויגענע געשטאַלט און ווערט פאַרהילט אין בלייכן וואָלקן פון
דורותדיקן צער פון די חרבנות, אַזויווי געוויקלט אין זיין לאַנגן אַלטן טלית,
ווען ער שטייט אַ פאַרגליווערטער אין גאָטס־פאָרכט ביים עמוד אין דער
גרויסער שול, יום הקדוש צו נעילה.

ביים געזעמל יידן זענען די פּנימער בלאַס פון פּחד, וואָס פאַרקלעמט די
נשמה מיט שווערדן, פאָרכטיק־פרומען טרויער, ווי ביי שופר־בלאָזן.

אַ ווילד־צעקייכטער צאָרן־געשריי טוט ווי אַן אָנגעפלויגענער שטורם־
געבריל וויסט אַ שמייס איבער די קעפּ. ביי דעם עלטסטן איז שוין דער קאָפּ
רויט אָנגעצונדן פון גליענדיקן כעס. ער הויבט אויף אַ גריילעכן געפילדער
און ס'וואָרפט מיט אים ווי אין אַ קדחת, פון זידיקער רציחה. ער האָט גע־
האָרכט דעם זקנס צעברומטע קלאָג־רייד און ווי וויל ער פאַרשטייט נישט די
יידישע ווערטער, האָט ער פאָרט באַנומען דעם האַרבן מיין פון דער פרעמ־
דער תפילה, וואָס האָט אויף אים אָנגעיאָגט, ווי אַ קללה, עפּעס אַ טונקעלע



שרעק און ס'נעמט פינצטערן אין זיינע אויגן מיט צעקרומט־פאַרפייניקטע
קלויסטער־הייליקע פון שטייניק־באָרדיקע פיגורן, געמאָלענע שמויטע פּאָנעס
מיט פאַרצערטע ווייבערישע פנים בילדער, פאַרטאַיעטע אין זיסלעכן נעפּל פון
געדעמפּעכץ, פאַרהוילענע אין פייערלעכן געברויז פון שווערן אָרגל־געשפּיל
און דעמפּע גלאָקן־קלענג, גרויליק־פאַרזונקענע אין גלחיש־צעפּרעפּלטע
בלוט־סודות, ווי שוואַרצע טויט־שאָטנס, וואָס קריכן פון נאַכטיקע קברים מיט
פרום־צעיאָמערטע הושענא־געזאַנגען און געהויבענע צלמים מיט נאָנקעט צו־
גענאָגלטער פיין־געשטאַלט...

אין דעם אַנטפּלעקטן אָפּגרונט פון בלינדן שנאה־נעפּל, צערייכערט מיט
בראַנד און אומרו איז ווי אַ ווייסער צעפלאָטערטער פויגל, פלוצים אָנגע־
שוועבט אַ גרייז־גראָער האָריקער קאָפּ. אָט דאָס איז ער, דער אייביקער
פאַרשאָלטענער ייד פונם פינצטערן בלוט־חלום, וואָס האָט געקרייציקט גאָטס
זון און קוילעט גוייִשע קינדער, צאַפּט ס'בלוט פאַר דער מצה אויף פסח. אָט
דאָ שטייט ער, דער שולדיקער זשיד אין דער קאַפּאָטע, מיט דער זילבער־
ווייסער באָרד און פיאות, וואָס וואַנדערט איבער דער וועלט מיט געבויגע־
נעם רוקן, די אויגן גלייביק־פאַרציקט ווי צום הימל דערהויבן, אָנגעפלייצט
מיט העלן ליכט־פלאַקער פון יושר און צדק...

וואַרפן וויל ער זיך אַצינד, דער פריץ, אויף דעם אַלטן ייד און דער־
הרגענען, פאַרטיליקן אים פונם פנים פון דער ערד. נאָר ער קאָן זיך ניט
רירן פונם אָרט, גלייך ער וואָלט געליימט געוואָרן אויף אַלע אברים. און חנא־
איצי דער מלמד, שטייט פאַרהאַקט, ווי אַ פעלז, מיט דער גבורה פון אייזער־
נעם עקשנות אין זיין געבויגענעם נאַקן. מיט שטאַרקער צעפייערטן גרימ־
צאָרן פילט דער קאָמאַנדיר, אַז ער וועט אָט דעם ייד קיינמאָל נישט בייקו־
מען... ער פאָכעט און שמייסט מיטן בלוטיקן קאַנטשיק אין דער לופטן און
שרייט מיט באַנומענע קולות, מיט לאַנגן, דין־געצויגענעם, גרויליקן קוויטש,
ווי אַ דערשטאָכענער חזיר:

— אַ טויט... אַ טויט די יידן... שלאָגן, דערשיסן... אַלע אויסשיסן...

ער קייכט און כריפּעט מיט שווער דערוואָרגענעם אָטעם. נאָר ס'שיטן
זיך אויף אים וואָס מער די באָרדיקע, שוואַרצלעכע געשטאַלטן אין די קאַ־
פּאָטעס, פון די שטיבער, פון די שולן, פון די מערק, יארידים און קרעמלעך,
ווי אַ כמאַרע וואָראָנעס, מיט ברענענדיקע אויגן און געשטרעקטע, ביינערדי־
קע הענט צו זיין גאָרגל... ווי אין בייזן חלום פון בלוט־רויש נעמט ער זעצן
און שפּרינגען, האַקן מיטן קולאַק אין אַ וואַנט, שטויסט און פאַלט איבער אַ
שטרויכלונג, טוט זיך אַ ריס און אַ לאָז ווי אין פאַרכאַפּטן שגעון אויף איינעם
פון דעם געזעמל יידן, דעם נגיד און יורד זאַנווועלע פויטיקי. נאָר יענער
מאַכט אַ גיכן, באַדעכטיקן שפּאַן פאָרויס און פאַרשטעלט אים דעם וועג מיט
זיין בכבודן, ברייטן בייכיקן פאַרנעם. מיט שטילן און לייטזעליקן קוועטש,
דעם סאַמעטענעם קאַפּעליוש אונטערן אָרעם, טוט זיך דער ייד אַ האַלבן,
לייטישן פאַרנויג פאַרן פריץ, ניט אונטערטעניק, נאָר אַזוי וועלט מעסיק, צו־

ליב דרך־ארץ און אויכעט אַזוי פאַוואָליע איינדרינגלעך, שטיל געצויגן, מיט זיכערן סוחרישן וואונק, טוט ער אים אַ באַגריס און אַ זאָג גלייך אין רויט־צו׳כעס׳טן פרצוף אַריין:

— אַ גוט מאָרגן גנעדיקער פאַן גענעראַל־פּולקאָווניק... ע־ה־ע־ם... פשעפראַשאַם, יאָ, יאָ... איך קאָן האָבן זייער ביליק צו פארקויפן פארן יאַשני פאַנס וועגן אַ פּאָר שיינע זעק האבער, פוראַזש פאַר די פערד, אויב מען באַדאַרף... האָבער ווי פּערל, פריש און גוט, כ׳לעבן, הויך געשעצטער פריץ... ער פלעגט אויכעט אַמאָל ליפערן פוראַזש פאַר די פערד פון דעם עסטרייכער קייזערס אָפיצירן... ווען זאָל ער צושטעלן די סחורה? ביטע, זייער שיין, נאַדיר פאַניע גענעראַל, טו אייגנס אַ קוק אַ מוסטער, פשוט גאָלדענע סחורה.

און זאַנוועלע האָט אַ שאַר געטון אין קעשענע פון זיין לאַנגן שוואַרצן נגידישן נאָר שוין היפש יורדיש אָפּגענוצטן פוטער מיטן סקרעמסקע קאָלנער און גיך אונטערגעטראָגן דעם פריץ אין די אויגן אַריין אַ פולע זשמעניע, ווי אין אַ שיפעלע, געלע, קילע, האָבער זערנעס.

דער קאָמאַנדיר טוט פאַרכאַפּט אַ רייס אויף ס׳מויל אַ געשריי צו טון אויפן ייד, נאָר ס׳בלייבט אָפן, מיט פארשטומטן קול, ווי פארגליווערט אין בייזן וואונדער פון דעם סוחרס וואַגעניש. ער טוט ווילד אַ שמייס מיטן לעדערנעם קאַנטשיק הויך איבערן יידנס קאָפּ, אָט, אָט, און ער טרעפט ס׳פנים מיט בלוטיקן שמיץ. נאָר זאַנוועלע היט מיט דער שאַרפקייט פון זיין געניט אויג דעם גריילעכן ציטער פונם קאַנטשיק, ווי איינער רעדט: ווייסעך דאָרט וואָס... מ׳דאַרף נישט... און אלעמאָל, ווען יענער כאַפּט זיך ווידער אַ שמייס טון, טוט דער ייד אין דער רגע, בליץ־גיך אַ הויכן זאָג: „פאַן גענעראַל“ און דאָס וואָרט טרעפט ווי אַ פייל פונם בויגן און האלט אים צו די האַנט, ווי מיט אַ צוואַנג.

געפלעפט און פארטומלט פון עפּעס אַ פאַרבאָרגענער מפלה, וואָס לעשט ווי אַ קאַלט וואַסער דעם וויסטן פלאַקער פון זיין ווילדן כעס, קוקט אָן דער עלטסטער, מיט טעמפּ פארטאיעטן בליק, זאַנוועלעס געקרייזלטע נגידישע באָרד, מיט אַ פעט־שווארץ גלאַנצל, ווי געזאלבט מיט שמן־זית, מענעריש צעפעכערט איבער דעם שיינעם, רויט געקעסטלטן זיידענעם האלז־טיכל און ער ווערט שוין אינגאַנצן אָפּהענטיק, גלייך דער דאָזיקער אָנבליק פון אַ וועלטמאַן וואָלט אים אַצינד גריילעך אויסגעניכטערט פון עפּעס אַ געמיינער שכרות. באַדעכטיק אין זיין עשירותדיקן וואוילטאָג, טוט ער אַ קלער וועגן געלט און געווינס און וועגן יידן גבירים, סוחרים, וואָס מען מאַכט מיט זיי גוטע געשעפטן. און דערהערנדיק נאָך אַמאָל זאַנוועלע׳ס ווייך, שטיל און איינדרינגלעך וואָרט „יאַשני פאַן גענעראַל“, האָט ער שוין אַקייגן דעם דאָזיקן רואיקן, אָפּגעפיינטן קול און אַקייגן דעם בכבודן, הויכן טיטול „גענעראַל“ נישט געקאָנט ביישטיין.

אַ וועקגייענדיק פון דעם געזעמל יידן צוריק צו זיין אָרט, דאָרט אויבן־אָן ביים גמינע־טיש, זאָגט ער איבערן אַקסל, פריציש־וואולמאַנירלעך:



— נו, גוט, פאַניע קופּיעץ, כ׳ברויך פוראַזש; כ׳וועל קויפן דעם האָבער. גוט, גוט, מיר וועלן מאַכן געשעפט....

אונטער יענעמס פלייצע שוין האָט זאַנוועלע ווידער געטון זיך אַ האַלבן אָפּנאַרנדיקן פארנויג, אָט אַזוי בלויז יוצא צו זיין, ווי ס׳פירט זיך ביי אָרענטליכע לייט, און ער האָט שטיל און ווייך אונטערגעזאָגט מיט אַ צופרידענעם קוועטש אי פארן פריץ אי פארן צושפּיל פונם גוטן מזל:

— יאָ, יאָ, אוודאי, פאַן גענעראַל־פּולקאָווניק, אַ שיינעם דאַנק פאַר דער טובה... אום־הו־ם, אוי... און ער האָט אַ מחיהדיק הוסטל געטון אינאיינעם מיט אַ גוט קרעכצל און שווער אָפּגעאָטעמט פון אַראָפּגעשלונגענער שרעק און אויסגעשטאַנענער סכנה, מיטן באַשטענדיקן בטחון אויף ריוח און הצלחה, וואָס דער אויבערשטער טוט אין זיין גרויסער גנאָד באַשערן קלוגע פיינע סוחרים. דערנאָך האָט זיין אָנגעבלאָזן פעט פנים מיט די געלע קנייטשן אונטער די ברוגזע אויגן געהאַט די זעלבע רואיק־פאַרשלאָסענע מינע, מיט דער שטרענגער זיכערקייט, ווי תמיד, גלייך ס׳וואָלט גאָרנישט געשען. ער האָט נאָר געפרואווט נאָך אַמאָל, שוין פארן עולם׳ס וועגן, אַ געפייניקט הוסטל טון, ווי דערמיט אָפּצוקומען און פטרן אַיעדן אומזיסטן פרעג. נאָר אַז שלום בער, דער צעטראָגענער תם מיט דער חרפּהדיק־אויסגעפליקטער באָרד, האָט פאָרט נישט געקאָנט גובר זיין דעם באַרעדעוודיקן חשק פון זיין הייסן נייגיר און אים אָנגעהויבן אויסצופרעגן ווער וואָס און ווען, אלמאי אַזוי און אַזוי, וואָס ס׳הערט זיך עפּעס מיט דער מלחמה, מיטן שטעלונג, מיט די זעלנער און מיט די יידן, וואָס ס׳וועט זיך אָפּטון און וואָס ס׳וועט זיין דער סוף, און וואָס ער האָט עפּעס אַזוינס גע׳דבר׳ט מיטן פוילישן קאָמאַנדיר, האָט זאַנוועלע ביטער אַ קנייטש געטון דעם ברייטן שטערן און מיט ביטול אָפּגעווענדט די ברוגזע נאָז מיט אַ שווערן קרעכץ:

— גאָרנישט... גאָרנישט, ס׳איז נישט אייער דאגה ר׳ ייד. בעסער מישט אייך נישט אין פרעמדע עסקים. אַמער האָטס אייער אייגנס אין זינען, כ׳בעט אייך זייער. אוי, אַז ס׳איז נישט אויסצוהאַלטן פון די לייט...

(המשך קומט)

„דאָס ליד פון דעם יידישן קעלנער אבראַם“
די נייע פּאָעמע פון די דיכטערין חוה ראָזענפאַרב

צו באַקומען ביי:
MOSHE OVED, 26 Museum Street, London, W.C.1
— פּרייז 5/6 —

ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי.

## א. נ. שטענצל

# נסתלק געוואָרן...

(באַלאַדיש)

„החמה מראש האילנות נסתלקה“.

אַז מיט אַזויפיל מיליאָנען ס׳קומט אָן דער טויט,
און גאָרנישט עס בלייבט מער איבער פון דעם וואָס געווען,
איז ווי אַזוי ווייטער נאָך לעבן און מיט וואָס?
אפשר פון דעם טרויער גאָר, פון דעם וואָס ס׳איז געשען

פון איינאיינציקן טויט עס לעבן דאָך דורות,
פון אַ ווונק אַ לעצטן, פון אַ שוין כאָרכלדיק וואָרט!
איז וו דאָס אַלץ אַצינד, וואָס אויף לעצטער רגע
מיליאָנען לעבנס פאַר לעצטן דור האָבן אָפּגעשפּאָרט?

אפשר פאַר גאָט איז אַזאַ וואָרט, איז אַזאַ ווונק,
ווען ערשט מיט אַזויפיל מיליאָנען ס׳קומט אָן דער טויט,
זיינע וועלטן, אָנצאָליקע, פאַרוויסטע,
פון אַזאַ אויפשריי זיי ווערן צוריק אויפגעבויט —

פון בלוט־ימים, איבערפלייצטע, איבערשוימטע,
פאַרבלאָנקעט, פאַרפלאָנטערט, פון צווישן שקיעות אַרויס,
פון יאָגנדיקע קריעס, שטורעם פאַרגליווערט,
קייקלען רויט זיך זאַפטיקע זונען געוואַלטיק גרויס,

און פון איין זאמענדל, פון ווינדן פאַרווייעט,
פון איין קערנדל, עס וואַקסט אַרויס אַ גאַנצער בוים!
ס׳קייטלען זיך צייטן, איינס געקייקלט אין צווייטן,
מיט וויאַנען, מיט בליטן, אָן איין רגע פאַרזוים — —

אָבער אַ מענטש, אָפּגעריסן און פאַרבלאָנקעט,
וויאַזוי ווייטער וויקלען דעם פאַרפלאָנטערטן קנויל?
אַז נאָר רייד און דאָס וואָרט גאָט אַפילו,
אַ פאַרוואַלגערטע אַסיען פרוכט, אויסגעפוילט און הויל.

אפשר אין פאַרשאַרטן אַש אַ פונק געפינען,
מיט הוילע פינגער, און אים אויפבלאָזן אין אַ פלאַם —
געפונענער עפּל, אין גרוי־וויאַניקן גראָז,
איבערגעבליבענער, פון אויף קויל פאַרברענטן שטאַם —
— — — — — — — — —



„כתפוח“ — צו אַ צייטיקן עפּל־בוים,
איז דאָך אין אונזער היים געגליכן געווען דער ייד,
איינגעהויקערט, טיף צו דער ערד איינגעבויגן,
אבער ווען מיט וווּנדערלעכע בליטן ער צעבליט!

און ערשט ווען פון די צייטיקע צווייגן אראפּ,
די ווייך־זאַפטיקע עפּל געהאנגען רויט און שווער — — —
און איצט פון דעם אלעם וואָס איבערגעבליבן,
אינם אש די אויסגעלאָשענע גלאָוונעס, נישט מער — — —

און ווען אָנגעהויבן קומען ס׳האָבן די בריוו
אַ נאָמען געזוכט, אַן אַדרעס, אַ משפחה־גליד — — —
אפשר וועט זיך ווער אָפּזוכן, ווער געפינען,
צו נישטערן, צו זוכן ניט געוואָרן כ׳בין מיד.

אפשר איינער דאָך פון משפחה פון גאַנצער,
פון טאטן דערציילן, פון מאמען — כאָטש איינער בלויז!
אָן איינציקער פון משפחה פון גאַנצער,
לעבעדיק געראַטעוועט פון די פלאַמען אַרויס.

און אַז נישט פון לעבן, דערציילן כאָטש פון טויט,
ווען טאַטע געשטאָרבן, געלעגן שוין אויף דער ערד.
(ער זאָל חזר׳ן קענען דעמלט משניות
כ׳האָב אים נאָך אויסווייניק גאַנצע סדרים אויסגעהערט,

(מיט׳ן בר טנורה, מיט תוספות יום־טוב,
פאַר דער ווייל, ווען אויף שטרוי שוין ער וועט ליגן אַ מת.)
און אפשר איז מיין שוועסטער איבערגעבליבן,
מיט׳ן טייערסטן עס געשעט דאָך תמיד אַ נס!

...ווי אַ ספר־כריתות, ווי אַ גט־פּטורין פונקט,
איז ער געווען דער געשריבענער בריוו צו מיר,
באשאטן אין אים יעדעס בלוט־צעווייקטע וואָרט,
מיט לעצטן אַש־שטויבעלע וואָס געבליבן פון איר.

פון גאַנצער משפחה איינער קוים געבליבן,
און אויך דער, אַ פרעמדער איצט, וואָס גייט זיך זיין וועג,
און אַז אים שוין טרעפן? אַ געראַטעוועטער,
וואָס פון זיך נאָר רעדט, ניט מיד ווערנדיק גאַנצע טעג.

און באמת, די שוועסטער טויט, קיין קינד, קיין רינד,
טאָ וואָסער שייכות צו מיר זאָל ער האָבן נאָך איצט?
דאָס דערציילן, — האָר און נעגל שטעלן זיך אויף! —
און איך אויף שבעה־בענקעלע מיר קייגנאיבער זיץ.

לאַנג דויערט עס שוין אַזוי — אַן אומענדלעכקייט!
נאָך לענגער פונם דערציילן, פון זיך דאָס גערעד;
עס איז געווען פונקט, ווי דער טרויער און די רייד,
ווי ביידע זיי, געגאַנגען וואָלטן אין אַ געוועט.

און ווען עס איז שטיל געוואָרן און מיד און פרעמד,
האָב איך נאָענט פאַר מיינע אויגן אַ געשטאַלט דערזען:
„דו ביזט דאָך ביי מיין טאַטנס נסתלק ווערן,
צוזאַמען מיט אַלע אונזערע אין שטוב געווען?!“

זיינען עס אויגן, אָדער פלאַמען צעבלויטע,
פייערדיק אויפגעריסן אַזוי און גליאיק גרויס?
איך דערקען אין דעם וואָס קייגנאיבער מיר איצט,
איינעם וואָס געווען דעמלט אין אונזער טאַטנס הויז —

יאָ, נישט געבליבן ס׳איז קיין איינציקער פון אונז,
פון גאַנצן שטעטל אונזערן ס׳איז קיין זכר נישטאָ,
נאָר פאַר מיינע אויגן שוועבט אַ שטוב תמיד אויף,
מיט אַלץ וואָס געמוזט אויסזען דאָרט אין באַשטימטער שעה.

„יאָ, ווייל איך בין געוועזן דעמלט אין דער שטוב“,
האָט עס מיך אָנגעקוקט ווי פון אַן אַנדערער וועלט,
„דאָס איז עס דאָך וואָס איך בין לעבן געבליבן...“
און דאָס פנים ווי מיט פלאַמען פליגלען זיך פאַרשטעלט:

„אַ יום־טוב איז דעמלט געווען אין טאַטנס שטוב,
גלייך ווי אין קיטל ביים סדר ר׳איז געלעגן אין בעט,
און ווי ביי דער קערה־שיסל, ביים צונויפשטעלן,
מיט פינגער געוויזן און סודותדיק גערעדט:

„דאָ זאָל מען אים צודעקן די פיס, דאָ דעם האַלדז,
דאָ פאַר דער ווידוי אַ ביסל וואַסער פאַר די הענט,
און ווען ער האָט כאָרכלדיק „יגדל“ געזונגען,
האָבן ליכט שבת־קודשדיק אויפן טיש געברענט.

„גאַנצע שטאָדט איז דעמלט אין אונזער שטוב געווען,
אויף די פענסטער געלעגן ווער נישט געקענט אַריין,
די מאַמע געשטאַנען איז ווי ביים ליכט־בענטשן — —
כ׳הער נאָך איצט ס׳קנאַקן פון די ליכט און איר שטיל געוויין...“

אין דעם שקיעה־דערצייל פון פאַרגאַנג און אויסגיי,
ווי ביי יציאת־נשמה איז אין מיין האַרץ שטיל געווען,
מיינע אויגן האָבן געלויכטן צוקאָפּנס —
צוויי אָנגעצונדענע ליכט, און זיי האָבן געזען:



אויבן, איבער דער צעפלאַקערטער זון, שוועבט גאָט,
אַרום נשמות — שטערן־באַקרוינטע גלאָזונע־קעפּ,
גינגאָלד צעגליטע, מיט רובינען באַזעצט — —
און ס׳שפּרייזט דער טאַטע איבער די אבן־שיש־טרעפּ.

רויט־וואָלקן־בערג שפּאַלטן זיך, אַש־נעפּלען טיילן זיך,
קוים מיט מענטשלעכע בליק צו דערזען שוין די הייך,
און ווייטער און ווייטער און העכער און העכער,
איבער בלוט־צעפלאַמטן נהרי־דנורין־טייך,

פון הימל צו הימל, פון היכל צו היכל,
משניות מורמלנדיק, מיט הויך צעפלאַכטענע הענט —
פונם ביסל שטרוי אויף דער ערד צעשאָטן,
די אָנגעצונדענע הבדלה פלאַמיק צעברענט.

און פונם אויפגעהויבענעם שטויב פונם מילך־וועג,
אין לייבן געשפאַנט, אין אָדלערס, די מרכבה־קאָטש
אַרויסגעפלויגן — — — אָ, דעם כבוד צו צוזען,
אַז איבערגעבליבן ס׳איז אַן איינציקער כאָטש:

אַז וואָס איז אַזוינס לעבן שוין, וואָס אַזוינס טויט,
אַלצדינג איין געאייביקטער אין־סופיקער אָן־ענד,
פון וועלטן צו וועלטן וואָס נעמען נישט קיין ענד — —
און דאָס אַלץ אינם מענטשן אַליין נאָר ס׳איז געווענדט!

אַזוי קענען שטאַרבן, מיט אַ סדר אַזאַ,
האָט דאָך דאָס מענטשלעכע לעבן יאָ אַ שטיקל ווערט,
קאָן דאָך אַ ליכטיקער, אַן אבן־שיש־טרעפּ,
צומאָל נאָך ווערן אונזער פינסטערער קיילעך ערד — — —

פון גאַנצער משפחה איינער קוים געבליבן,
ער זאָל קענען דערציילן וואָס דעמלט ס׳איז געווען;
יאָ, ר׳איז לעבן געבליבן, ר׳האָט אויסגעהאַלטן,
ווייל אַזאַ נפטר ווערן ער האָט מיט צוגעזען.

אַז דורות נאָך דורות ווייטער צו דערציילן,
אַליין שוין צווייטער ווייטערער קומענדיקער דור!
נישט נאָר מיט אייגענע אויגן אַליין געזען —
מיט לייבהאַפטיק לעבן געוואָרן דערציילטער וואָר.

און פון פלאַם־איבערלאָפענעם בלויליכן בליק,
ליבלעך ליכטיקער שמייכל גליאיק אַרויסבליקט:
ווי אַזוי ווייטער לעבן, ס׳האָט דער טאַטע אונז
מיט טויט אָנפאַרטרויט, אַלץ אָפּגעשפּאָרטע צוגעשיקט — —

... אַז דאָס גאַנצע לעבן נאָר צו וואַרטן דערויף,
אַ קדוש אין פלאַמען ליכטליך אויפצוגיין אַזוי,
האָב איך געזען אונזער טאַטן ליגן דעמלט,
אין אונזער שטוב, אויף צעשאָטענעם ביסעלע שטרוי —
— — — — — — — — — —

נישט מענטשלעכע אויגן — אַ פלאַם, אַ צעבלויטער,
פייערדיק אויפגעריסן אַזוי און ליכטיק גרויס;
ס'איז דאָס גוטינקע שמייכעלע, נישט פון אַ בליק,
עס גליט פון אויפפלאַקערדיקן פלאַם־פייער אַרויס — — —

פונם פאַרשוויגענעם אַרום, ווינדיק און שטיל,
האָט אַזאַ קילע נאַנטקייט ווייאיק אַרומגעווייט;
יאָ, לייבהאַפטיק נאָך איז געשטאַנען דאָס געשטאַלט,
ווען כ'האָב מיינע אויגן אויפגעריסן ווייט און ברייט —

אין אונטערגייענדיקער זון, רויט צעפלאַקערט,
אַן אָנגעצונדענער אָסיען בוים נאַקעט און הויל,
טריפנדיק שטיל מיט אַ לעצט פאַרוויאַנעטן בלאַט,
אויפשאַרכנדיק אויסטערליש, מיט שווידערדיקן גרויל.

## ס. פאַלמע

# אויף יענעם זייט באַרג *

| | |
|---|---|
| שלמה | **ישיבה־בחור** 25. |
| יחזקאל | **זיין חבר** 30. |
| ר' משה'לע | **משמש און אויפזעער.** |

**קלויזניקעס. היימלאַזע. אַ קאַליקע. שטאָט־ממזר.**

**סצענע:**

אַלטער בית־המדרש וואָס דינט אַלס ישיבה אין אַ פּויליש שטעטל. בענק און טיש אויף וועלכע ס'ליגן אָפענע און פאַרמאַכטע **ספרים**. אַ האַנט־פאַס און האַנט־טוך ביים אַריינגאַנג. ביים עמוד אַ ברענ־נעדיקע יאָרצייט־ליכט. נאָענט צום ארון־קודש, אַ שטענדער מיט אָפענעם ספר, ברענענדיקע ליכט אין אַ לייכטער.

**פון אונטער דעם פאָרהאַנג הערט מען קלויזניקעס לערנען.**

* **פראָלאָג צו דער דראַמע, אונטער דעם זעלבן נאָמען, וועלכע דער מחבר גרייט צום דרוק.**



TOWER HAMLETS LIBRARIES

**פאָרהאַנג אויף:**

היימלאָזע מאַכן זיך גרייט צום נאַכט לעגער מיט זייערע קלימע־קעס און טראַנטעס, אויף די בענק. ממזר עסט ברויט און זיפּט וואַסער. קאַליקע שלעפּט זיך אַריין אויף קוליעס און שטורקעט ממזר וואָס איז אים אין וועג.

ר' משה'לע (אַריין און פאַרעט זיך ביים עמוד)

שלמה **אַריין און וואַשט הענט ביים האַנט־פאַס מיט ספרל אונ־טער דעם אָרעם, לעגט עס שנעל אין קעשענע ווען באַמערקט. גייט צום שטענדער און נעמט לערנען אויפן קול, מאַכט פלוצים צו דעם ספר, האַסטיג, אויסרופנדיג:**

| | |
|---|---|
| שלמה | **גענוג! איך גיי נישט ווייטער!** |
| | (אַלע הערן אויף לערנען און סודן זיך). |
| ר' משה'לע | (גייט צו שלמה'ן ריידנדיק) **האַ...אַ...? כ'האָב דאַכט מיר עפּעס געהערט. מען וויל אפנים שוואַרצן אַ פאַרבאָטענעם גרענעץ און מען קאָן נישט, האַ? אפשר גאַר קראַנק? דער קאָפּ, וואָס..?** |
| שלמה | (מישנדיק בלעטער הין און צריק) **נישטאָ! גאַרנישט! — וואָס זאָל אַ מענטש טאָן ווען ער געפינט נישט וואָס ער זוכט, ר' משה'לע?** |
| ר' משה'לע | **האַלט ער אין איין זוכן ביז עס זוכט זיך אָפּ — אבער שלמה'לע וואָס אַזעלכעס זוכט מען עס אַזוי שטאַרק?** |
| שלמה | **דעם סוד זוך איך פון דער אייביקייט. ר' משה'לע. מען קאָן נישט געפינען אפנים וואָס מען האָט קיינמאָל נישט פאַרלוירן. האַ....?** |
| יחזקאל | (קומט נאָענט) **איך פאַרשטיי נישט דיינע רייד שלמה. גייסט דאַכט מיר אַראָפּ פונם דרך הישר.** |
| שלמה | **וואָס־זשע יחזקאל דו האָסט קיינמאָל נישט געזוכט?** |
| | (באַהאַלט ספרל אונטער טאָוולען פונם ספר) |
| יחזקאל | **ביזט נאָך צו יונג און נישט דערוואַקסן. נישט יעדער איז עס ראוי.** |
| שלמה | **יונג? און אז איך צייל די יאָרן 25 איז וואָס? האָב איך קיין רעכט נישט צו וועלן וויסן וואָס סע טוט זיך אויף יענעם זייט באַרג?** |
| | (קלויזניקעס קומען נאָענט איינציגווייז. היימלאָזע בורטשען.) |
| ר' משה'לע | **נישט פאַר יעדן אַנטפּלעקט זיך דער סוד פון אייביקייט, שלמה'לע.** |
| | (ספרל פאַלט פון שטענדער, משה'לע אויפפאַלנד הייבט עס אויף.) |
| שלמה | **ס'איז גאַרנישט. כ'האָב עס געפונען צווישן די ספרים.** |
| ר' משה'לע | (שטודירט ספרל) **אַזוי, דער זון פון ר' יעקב עטינגער, דער ראש־ישיבה, אַ בעל־מקובל, — דעם סוד זוכט מען!** |
| יחזקאל | (באַטראַכט ספרל) **צו פרי, מיין חבר שלמה, צו פרי, צו וועלן דערגיין די סודות פונם מלכות שמים.** |

שלמה דו אויך יחזקאל? צייילסט דיינע יאָרן קוים 30 און שוין רעזעגנירט. זע ווי מיד און בלאַס דו זעסט אויס — וואָס האסטו געזוכט אין דיינע 30 יאָר און וועלכעס האָסטו געפונען, ענטפער, אויב נישט ספקות?

יחזקאל ליבע!

שלמה וועלכע ליבע? נישט קיין פאַרבאַטענע, חלילה..?

ר׳ משה׳לע שגץ! עזות־פנים! אחר! — גובר זיין דעם שטן דאַרף מען! שטיל זאל זיין! וואָס איז עס פארע רייד???!

ממזר (קומט נאענט) זאל ער ריידן, זאל ער ריידן, ר׳ משה׳לע, וועל איך אויך עפּעס לערנען. כ׳האב קיינמאל גארנישט געלערנט. איך ווייס גארנישט און ער ווייסט אלץ. זאל ער רעדן.

קאַליקע שווייג בעסער שטיל ממזרוק! אַ נישט וועל איך דעך אַ פיס אויס־דרייען.

שלמה איך וויל נישט און וועל נישט זיין ווי יענער תנא וואָס האט גע־זוכט דעם סוד פון אייביקייט פאַר גאנצע 40 יאר און גארנישט געפונען. 40 יאָר איז אַ לאַנגע צייט. כ׳האב אַ רעכט צו וועלן וויסן וואָס סע טוט זיך אויף יענעם זייט באַרג. כ׳האָב ליב מיין פידל. כ׳האָב ליב געזאנג. מיין ברודער דוד האט געמעגט ווערן ד״ר? מיין ברודער בערל האט געמעגט ווערן אַרכיטעקט? — איך מעג אויך!
און דו יחזקאל, דו האסט געפונען ליבע! — וואָס איז אזוינס ליבע? דו און איך. מיר האבן עס קיינמאָל נישט געוואוסט, מיר האָבן זיך בלויז געוואָרגן מיט דעם געפיל ביז דער קאָפּ האָט גענומען ווייטון און דער מוח האָט געהאַמערט און דער שטאָלצער ר׳ יעקב עטינגער האט געשמיסן מיט דעם שוואַרצן רימען — נאַ, באַטראַכט מיין לייב און געפין סמנים פון ליבע! — נייַן חבר יחזקאל, כ׳האב פיינט געקריגן אָט די ליבע און ווייסטו גאר וואָס, יחזקאל, מען זינגט דאך אפילו שירה אויך היינט אַנדערש (קלאַ־מערט קאָפּ אין זיינע פויסטן.)

קאַליקע שוין באלד דער ערשטער מנין און קין אויג נאך נישט צוגעמאכט. זאל מען גיין שלאָפן און אַ סוף אַן עק!

ממזר זאל ער רעדן. איך ווייס נישט פון וואָס ער רעדט, אבער לאז ער רעדן. אַ מענטש מעג רעדן אויב ער וויל! אַ מענטש מעג וועלן זען וואָס סע טוט זיך אויף יענעם זייט באַרג אויב ער וויל.

קאַליקע שווייג ממזר־קאָפּ! כ׳על דיך אַ זייט אינטערהאקן.

יחזקאל (באַרירט שלמה׳ס אַקסל) שלמה עטינגער!

שלמה האַ? געוואָלט עפּעס פרעגן, יחזקאל?

(יחזקאל טוט אויס פון זיך זייגער און דערלאנגט שלמה׳ן)

יחזקאל נעם צוריק דיין מתנה, כ׳האָב מער נישט דערפאר קיין באַדער־



פעניש, מיר געהרן זיך מער נישט אָן.

שלמה דו אויך....!

יחזקאל זאג אז דו האסט חרטה און אלץ וועט פארגעבן ווערן. נישט פאר־שאַף איבעריקן צער דעם ראש־ישיבה, דיין טאטן, האב חרטה.

שלמה חרטה? זאל איך חרטה האבן פאר מיין באַפרייטן געוויסן? חרטה האבן פאר מיין וועלן אָטעמען פרישע לופט? דו, אזוי יונג און שוין רעזעגנירט. מיין הארץ גייט אויס פאר דיר, צו ליב דיין אייגענעם גורל און דיין ליבע צווישן די דלת־אמות פון אָט די 4 ווענט.

יחזקאל איז דאס אלץ?

שלמה אלץ. דער סךהכל איז געמאכט און דער תוכן זאגט גארנישט. גאָר־נישט, דו הערסט? (מיט היסטערישע אויפגעהייטערטקייט) ווען אין הארצן איז פרילינג, ווען דער געוויסן איז פריי, ווען דער וועג צו יענעם זייט בארג, די וועלט, האט מער קיין מחיצה נישט, דאן זינגט זיך, ווי עס זינגט דער געזונטער בוהיי אין דעם פרייען פעלד ווען ס׳איז פרילינג און זיין זיווג רופט! — דאס יחזקאל מיין חבר, הייסט אויך ליבן גאָט!

ר׳ משה לע זאל מען קלאַפּן אַ טעלעגראַמע דעם טאַטן זיינעם אין פראגע, זאל ער, ר׳ יעקב עטינגער, דער ראש ישיבה, קומען אהיים נעמען זיין לעצטע האפנונג, זיין מוזשיניקל אין אָט דער מדרגה!

שלמה ניין ר׳משה׳לע, דאס נישט! דאס נישט!

ר׳ משה׳לע עפנט ברייט פאַרנאנדער די טיר. שלמה כאפּט א בליק צו די קלויזניקעס, וועלכע קערן זיך אום, דאן שטרעקט ער זיין האנט צו יחזקאל׳ען וואָס קערט זיך אויך אום. ער בלייבט אַ ווײַלע מיט פאַרשטעלטן פנים, דאן אָפּ שנעל.

פאָרהאַנג

---

# יוסף הלל לעווי

## שטריכן צו אסתר קרייטמאנס ליטעראַרישן פּאָרטרעט

ווידער האט די באַוווסטע ראמאנשרייבערין אסתר קרייטמאַן אַרויס־געלאָזן אַ ביכל דערציילונגען און סקיצן: „יחוס״ אין פאַרלאַג „נאַראָדפּרעס״. קלאָרער דרוק, גוט פּאַפּיר, פשוט — אבער דאָס פשטות מאַכט אַ גוטן עסטע־טישן איינדרוק.

אסתר קרייטמאַן באַזיצט די גרויסע מעלה צו שילדערן אויף אַ ברייטער קאַנווע. און איר שילדערונג איז דאס רוב: אַ בולטע, בונטע און דופטיקע. אבער עס נעמט אויך אמאל אז איר טיפקייט ווערט אין דער ברייטקייט פאר־לוירן; וואָס איז גורם אומקלאָרקייט פון דער האַנדלונג.

נאָר די שרייבערין איז ראַפינירט געגוג, עס נישט אַזוי ווייט צו לאָזן

דערגיין אז עס זאל ווערן אַ מינוס פאר דעם קלימאט און דער פולקומקייט פון איר דערציילונג.

זי וואַרפט אויף פראָבלעמען, — און זי האט זיי ליב נישט צו פארענטפערן; און דאס נישט דערפאר ווייל זי איז דאס נישט ביכולת, אדער אפשר גאָר ווייל זי פארזעט דאָס — ניין, נאָר פשוט ווייל אַ סטיכישער דראנג דיקטירט דאָס איר אַזוי: בעסער לאָזן נישט אויפגעקלערט, אין דער מיטן, אָפּגעהאַקט, אַזוי איבערגעריסן און טראגיש ווי דאס לעבן גופא....

אַ וואָגיקע דערציילונג איז „די אטלאסענע קאפאטע". עס ליגט אויך אַ פיינער הומאר אין דער נאטוראליסטיש־רעאליסטישער שילדערונג.

יידל דער וואַלדסוחר, רחל זיין ווייב מיט איר קראם, און די כלה רויזע מיט איר יינגערע שוועסטער דבורה, — אלעס געזונטע, קרעפטיקע און שיינע נאטורמענטשן. עפּעס אן אידילישע פארביקייט שטראלט ארויס פון זיי.

ווי זאטג עס אסתר קריימאן אליין, — אַ ייד זאל זיין געזונטער פון אַ גוי להבדיל, מיט טעכטער ווי בוימער, אַזעלכע ריזן — מיט אזעלכע פלייצעס און ברוסטן, מיט אַזעלכע גלאנציקע אויגן, אז סאיז נישט ניחא אַ קוק צוטון...

און די מאמע איז פונקט אַזוי גרויס, פונקט אַזוי יאָדערדיק און געזונט; און די אויגן גלאנצן ביי איר ווי ביי די מיידן, — און הארעוען — האָראָוען זיי שוין גארנישט ווי קיין יידישע קינדער....

און ווייטער זאגט די דיכטערין: „סאיז טאקע גאט זאל נישט שטראפן פאר די רייד — ווי אַ זייעריקע, טפוי!".

עס ווייעט פון אלעם אזא מין אידילישע פשטות, אזא דערפרישנדיקע שטראקייט און אזא מין פארכאַנדיקער ריח — פון וואַלד, פעלד, שטאל, בהמה און דער עיקר, פונעם גאנצן פארצייטיגישן נאטירלעכן מענטש אז דו ווערסט פשוט פארשיכּורט פון דער עלעמענטארער קרעפטיקייט...

אבער זינט רויזע איז געוואָרן אַ כלה פאר דעם זון פון יידלס שבת־מלמד, „האָט יידל אויסגעפונען: אַז רויזע איז אַ שוואַכע דאַרף מען זי שאַנעווען, נישט לאזן טון קיין גראבע ארבעט זאגט יידל. אָפּהיטן דארף מען זי, מחמת אז מאיז אַ כלה פארן גמרא מלמדס זון, האט מען געגוג אײדעלע ארבעט צו טון.

זיצט רויזע גאנצע טעג און צייכנט מאנאגראמען אויף ציכלעך פאר זיך און פארן חתנס וועגן, העפט אויס מצה־טאשן פאר זיך און פארן מחותן, שטריקט חלה־טישטעלעך, נייט אויס אַ טלית־זאק פארן חתן שמחהלע, דריוולט ליינוונט און העפט אויס אַ פארטעכל פאר דער מחותנתתה.

רויזע ארבעט — און יידל צאלט, מחמת דער מחותן דער גמרא מלמד איז א גרויסער למדן, א גרויסער מקפיד, א גרויסער כעסן און אַ גרויסער קבצן.

ס'איז אפילו אנגעקומען מיט ווערעם ביז מען האט רויזן אויסגעלערנט אז זי איז אַ שוואכע, מחמת רויזע האט גראד ליב צו זיין געזונט אייזן, — וואָס זי איז טאקע, זי האט ליב פראסטע ארבעט, ליב די שבתים מיט זייער



מנוחה און ליבער ווי סלעבן די שבת־צונאכטן, ווען מדארף זיין אין דער היים צו העלפן דער מאמען און מ'איז נישט אין דער היים, מגייט גאר בגנבה שפאצירן מיטן שגץ... זי האט פיינט סם המות זיך צו דליבן די פינגער ביים אויסנייען, זי האט פיינט ארומצודרייען זיך איבער די חדרים אן אויסגעפוצטע, ווי אן אויסשטעלונג. זי האט פיינט צו זיין אן אײדעלע, און זי האט פיינט דעם חתן — בתכלית־השנאה!".

דא איז דער דיכטערין באמת געלונגען אויף אַ גאָר פיינעם אופן צו שילדערן קראס, מיט אַ לייכטן הומאר — דעם קאנטראסט פון דער: געזונטער, פראדוקטיווער יידישקייט, און דער געצערטלטער שוואכער בעל־הבטישער יידישקייט פונעם דארפס־ייד און שטאדט־ייד, און באזונדערס די טראגישע פאלגן: פון אזוי געזונט זיין ווי דער גוי — צווישן נישט יידן....

נאָר הגם „די אַטלאַסענע קאַפּאָטע" פאַרמאגט אַזויפיל פיינעם רעאַליסטישן שילדערונגס כח, און פארביקע שטילרייפקייטן מוז מען פארט מודה זיין — אז די שרייבערין פון דער רעאליסטישער דערציילונג: האט דעם דראמאטישן קאנפליקט צווישן טאכטער און פאטער און חתן און טאכטער, נישט געגוגנדיק רעאליסטיש פאַרענדיקט....

רב מאירל איז אַ בילד פונעם אלטן יידישן שטייגער לעבן, פון אַ רב אַ צדיק מיט דער גאנצער — נאיוקייט, ריינקייט און שיינקייט פון זיין גרויסער נשמה.

און געשילדערט איז דאס בילד, נישט נאר אליין מיט אַ געניטער קינסטלערישער האנט; נייערט אויך מיט אסך קענטעניש פון איינעם — וואָס איז נישט בלויס אין דעם מיליע אויסגעוואַקסן, נאר אויך דאס מיליע אריבערגעוואַקסן....

שלומקע איז אַ סקיצע — פון אַ יידישן יינגל אַ פוילענצער, אַ וואַגאַבונדל: וואָס וויל בעסר שנארן איידער ארבעטן. נאר פאר פסח האט ער ליב די ארבעט, וועלכע באַשטייט אין העלפן די ווייבער: כשרן, שייערן, און אָפּטראגן די איינגעהאנדלטע פסחדיקע מאכלים. און דאס אלץ מחמת דער ליבע צו פסח און דער יום־טובדיקער היימישקייט וואָס ווייעט פון אים....

מיט עטלעכע קלאַסישע שטריכן איז א. קרייטמאנען געלונגען צו צייכענען דאס יידישע עלנט, הגם מיט שווערע טונקעלע פארבן, יעדאך נישט אָפּשטויסנדיק נאר להיפוך עס לייענט זיך היימלעך און געפילפול.

די כמעט רייפסטע דערציילונג אין בוך איז „יחוס", — ווייל זי איז אויסגעהאַלטן סיי אין דער פארם, סיי אין אינהאלט אזויווי אין פסיכאלאגישער שטייגערונג. און אפילו די קאנטראַסטן און דיסאנאנסן אין איר קלינגען אויך הארמאניש און אידיליש... פראזע־שרייבער האבן מער כוח אויף אַרויסצוואַרפן פון זיך די אויפגענומענע וועלטן ווי די לירקער זיי אויפצונעמען... דאס געפיל באקומט מען תמיד — ווע מען גייט אויף אין זייער בונטקייט....

אַ חוץ דער דערציילונג „אָפּגעפּאַסט זיך", וועלכערס שילדערונג און אינאינהאַלט זענען ביידע זער לייכט, — געהערט נאך די דראמאטישע נאוועלע

„צו שפּעט“ צו דעם טייל דערציילונגען — וועלכע שילדערן אויסשליסלעך דאָס יידישע לעבן.

די אַנדערע דערציילונגען: „זייגערס“, „בליץ“, „דזים“, „היינט“, „געוואָרן אַ טרעמפּ“, „זי איז נישט בלינד“, — טראָגן מער אַן אַלגעמיין סאָציאַלן כאַראַקטער. און הגם דאָ און דאָרט קומען נאָך פאָר יידישע טיפּן, זענען זיי דאָך אינהאַלטלעך אַלגעמיינע שילדערונגען, — רייך מיט סאָציאַלע דיפערענצן, קאָנפליקטן און קאָנטראַסטן.

אמת עס ווערן דאָרט ניט געלייזט קיין אַלגעמיין טיפע פּראָבלעמען און שווערע פּסיכאָלאָגישע פאַרפלאָנטערונגען; זענען דאָס דאָך ווערטפולע באַאָבאַכטונגען: וואָס טויזנטער מענטשן גייען טאָג־טעגלעך פאַרביי דורך זיי און זעען גאָרנישט—און די פּשוטע דערציילערין זעט אַמאָל פּשוט פאַר טויזנט...

„געוואָרן אַ טרעמפּ“, „זי איז נישט בלינד“, און „דזים“, — זענען כמעט פענאָמענאַל אין זייער אָריגינעלער און איינפאַכער אויפפאַסונג....

באַזונדערס געלונגען איז די סקיצע „געוואָרן אַ טרעמפּ“. ווייל די דאָזיקע דערציילונג גיט אַ ברייט און טיף בילד פונעם מאָדערנעם סאָציאַלן לעבן און עלנט. מיט העלישע קאָלירן באַלייכט זי דאָס לעבן פון אַ שווינדזיכטיק געוואָרענעם בעקער־געזעלן, וועלכן די שטוב און ס׳ווייב וואַרפן פאַר אָרעמקייט אַרויס, — אָדער בעסער געזאָגט פון וועלכן ער וואַרפט זיך אַליין אַרויס, נישט קאָנענדיק מער מיטעלנדן.

דאָס ווייב זיינס גייט אַוועק מיטן הויז־באַזיצער כדי נישט צו דאַרפן קיין דירה־געלד באַצאָלן און אויך מחמת צו קאָנען די קינדער פאַרשפּייזן...

קיינער וויל בילן דעם סוכאָטניק דעם פאַרוואָרלאָזטן נישט האַלטן....

עפּעס אַ יידישער בעקעריי באַקומט אויף אים יאָ רחמנות — אָבער אויך נאָר פאַר אַ קורצער צייט. ווייל „דער בעקער האָט באַצאָלט בילן פאַר אַ וואָך שכירות און זיך פאַרענטפערט: — וואָס קען איך טון אַז די קונים הערן אויף קויפן? — זיי מיאוסן זיך!....

— האָט ער פאַרענדיקט אויף יידיש און אָנגעקוקט דאָס ווייב, וואָס האָט דערווייל איינגעוויקלט אַ ברייטל, אַריינגעלייגט אין אַ שקאַרמיץ עטלעכע ווייך געוואָרענע קיכלעך.

— נאַ ביל פאַר די קינדער!

ביל האָט זיך גיך אַרויסגעשאַרט פון דער ליכטיקער, זוניקער קראָם, וווּ אַלצדינג האָט געגלאַנצט מיט רייכקייט, איז געווען באַהויכט מיט אַ מעליק שטויבעלע, וואָס האָט גורם געווען איר, דער קראָם — אַ מין זאַטע פריילעכקייט.

די בעקערין האָט אים נאָכגעקוקט, געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ווען ער וואָלט זיך געהאַלטן אַביסל ריינער?

— גיי, פאַרדריי נישט קיין קאָפּ! — האָט דער בעקער גלייכגעלייגט די קוכנס, און געגעבן דער בעקערין צו פאַרשטיין, פאַרוואָס ביל האַלט זיך נישט „אַביסל ריינער“.



— ר׳איז דאָך שווינדזיכטיק, און ס׳ווייב לאָזט אים נישט אין שטוב אַריין, ער האָט אַפילו נישט וווּ אָפּצוגאָלן זיך, געזען אַ גאָמבע? שפּיציק און באַוואַקסן מיט שטעכיקע האָר, ווי ביי אַ שוואַרצן דבר אחר“.

ס׳איז אַ בילד פון שווערער מענטשלעכער מיזערע, — וואָס איז אַזוי בולט און שאַרף געשילדערט, אַז מ׳ווערט פּשוט ביז צום טיפסטן גערירט.

אסתר קרייטמאַן די דיכטערין פון די צוויי פיינע ראָמאַנען: „דער שדים־טאַנץ“ און „בריליאַנטן“, — וועלכע זענען באַדייטנדיקע דערגרייכונגען, נישט נאָר אַליין אויפן געביט פון שילדערן דאָס מיליע, די קאָנפליקטן און דעם פּסיכאָ־מאָראַלישן צושטאַנד פון אירע העלדן, נייערט אויך אין סאָציאַל־עטישן זין; האָט זיך אַצינד נאָך מער באַפעסטיקט איר פּאָזיציע אין דער מאָדערנער יידישער פּראָזע, מיט דעם בענדל דערציילונגען, דערפאַר מוז דאָס ביכל פון יעדן ליבהאָבער פונעם נייעם שיינעם יידישן וואָרט געלייענט ווערן.

---

# אברהם פנחס ציקערט

## כתר שם טוב

פאַר שטענצלען

ווער ס׳שפּאַרט זיינע אַקסלען פאַר לאַסט פון אחריות
און קרעכצט ניט, אַז שווער ס׳איז, ס׳טוט וויי,
ווער אין קייטן געשמידט צום וואָרט — דאָך פריי איז
— דו וועסט זיין צווישן זיי.

ווער ס׳קלאָגט ניט, אַז ברויט איז ביטער און ווייניק
און יצירה איז אייביק אים ניי,
ווער ס׳נעמט אויף וואָרט מיט אַ האַרץ אַ גערייניקטס
— דו וועסט זיין צווישן זיי.

וועה ס׳היט אַז אין מדבר, דער קוואַל זאָל זיין לויטער
און טוט זיין אַרבעט געטריי,
ווער ס׳גלויבט, ס׳זיינען ווערטער, פּערל אָנפּאַרטרויטע,
— דו וועסט זיין צווישן זיי.

ווער ס׳איז מיט זיין האַרץ און מויל גלייך — שלום
און גלויבט דעם תמימות אייביק געטריי,
גאָט, מיט אַ טראָפּן פון פרייד כאָטש באַצאָל אים!
— דעם וואָס איז צווישן זיי.

„צו שפּעט" צו דעם טייל דערציילונגען — וועלכע שילדערן אויסשליסלעך דאָס יידישע לעבן.

די אַנדערע דערציילונגען: „זייגערס", „בליץ", „דזים", „היינט", „געוואָרן אַ טרעמפּ", „זי איז נישט בלינד", — טראָגן מער אַן אַלגעמיין סאָציאַלן כאַראַקטער. און הגם דאָ און דאָרט קומען נאָך פֿאָר יידישע טיפּן, זען זיי דאָך אײַנהאַלטלעך אַלגעמיינע שילדערונגען, — רייך מיט סאָציאַלע דיפֿערענצן, קאָנפֿליקטן און קאָנטראַסטן.

אמת עס ווערן דאָרט ניט געלייזט קיין אַלגעמיין טיפֿע פּראָבלעמען און שווערע פּסיכאָלאָגישע פֿאַרפּלאָנטערונגען; זענען דאָס דאָך ווערטפֿולע באַאָבאַכטונגען: וואָס טויזנטער מענטשן גייען טאָג־טעגלעך פֿאַרבײַ דורך זיי און זעען גאָרנישט—און די פּשוטע דערציילערין זעט אַמאָל פּשוט פֿאַר טויזנט...

„געוואָרן אַ טרעמפּ", „זי איז נישט בלינד", און „דזים", — זענען כמעט פֿענאָמענאַל אין זייער אָריגינעלער און אײַנפּאַכער אויפֿפֿסונג....

באַזונדערס געלונגען איז די סקיצע „געוואָרן אַ טרעמפּ". ווײַל די דאָזיקע דערציילונג גיט אַ ברייט און טיף בילד פֿונעם מאָדערנעם סאָציאַלן לעבן און עלנט. מיט העלישע קאָלירן באַלײַכט זי דאָס לעבן פֿון אַ שווינדזיכטיק געוואָרענעם בעקער־געזעלן, וועלכן די שטוב און ס׳ווײַב וואַרפֿן פֿאַר אָרעמקייט אַרויס, — אָדער בעסער געזאָגט פֿון וועלכן ער וואַרפֿט זיך אַליין אַרויס, נישט קאָנענדיק מער מיטעלנדן.

דאָס ווײַב זײַנס גייט אַוועק מיטן הויז־באַזיצער כדי נישט צו דאַרפֿן קיין דירה־געלד באַצאָלן און אויך מחמת צו קאָנען די קינדער פֿאַרשפּײַזן...

קיינער וויל בילן דעם סוכאָטניק דעם פֿאַרוואָרלאָזטן נישט האַלטן....

עפּעס אַ יידישער בעקערײַ באַקומט אויף אים יאָ רחמנות — אָבער אויך נאָר פֿאַר אַ קורצער צײַט. ווײַל „דער בעקער האָט באַצאָלט בילן פֿאַר אַ וואָך שכירות און זיך פֿאַרענטפֿערט: — וואָס קען איך טון אַז די קונים הערן אויף קויפֿן? — זיי מיאוסן זיך!....

— האָט ער פֿאַרענדיקט אויף יידיש און אָנגעקוקט דאָס ווײַב, וואָס האָט דערווײַל אײַנגעוויקלט אַ ברייטל, אַרײַנגעלייגט אין אַ שקאַרמיץ עטלעכע ווײַך געוואָרענע קיכלעך.

— נאַ ביל פֿאַר די קינדער!

ביל האָט זיך גיך אַרויסגעשאַרט פֿון דער ליכטיקער, זוניקער קראָם, וווּ אַלצדינג האָט געגלאַנצט מיט ריינקייט, איז געווען באַהויכט מיט אַ מעליק שטויבעלע, וואָס האָט גורם געווען איר, דער קראָם — אַ מין זאַטע פֿריילעכקייט.

די בעקערין האָט אים נאָכגעקוקט, געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ווען ער וואָלט זיך געהאַלטן אַביסל ריינער?

— גיי, פֿאַרדריי נישט קיין קאָפּ! — האָט דער בעקער גלײַכגעלייגט די קוכנס, און געגעבן דער בעקערין צו פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס ביל האַלט זיך נישט „אַביסל ריינער".



— ר׳איז דאָך שווינדזיכטיק, און ס׳ווײַב לאָזט אים נישט אין שטוב אַרײַן, ער האָט אַפֿילו נישט ווו אָפּצוגאָלן זיך, געזען אַ גאָמבע? שפּיציק און באַוואַקסן מיט שטעכיקע האָר, ווי בײַ אַ שוואַרצן דבר אחר".

ס׳איז אַ בילד פֿון שווערער מענטשלעכער מיזערע, — וואָס איז אַזוי בולט און שאַרף געשילדערט, אַז מ׳ווערט פּשוט ביז צום טיפֿסטן גערירט.

אסתר קרייטמאַן די דיכטערין פֿון די צוויי פֿיינע ראָמאַנען: „דער שדים־טאַנץ" און „בריליאַנטן", — וועלכע זענען באַדייטנדיקע דערגרייכונגען, נישט נאָר אַליין אויפֿן געביט פֿון שילדערן דאָס מיליע, די קאָנפֿליקטן און דעם פּסיכאָ־מאָראַלישן צושטאַנד פֿון אירע העלדן, נייערט אויך אין סאָציאַל־עטישן זין; האָט זיך אַצינד נאָך מער באַפֿעסטיקט איר פּאָזיציע אין דער מאָדערנער יידישער פּראָזע, מיט דעם בענדל דערציילונגען, דערפֿאַר מוז דאָס ביכל פֿון יעדן ליבהאָבער פֿונעם נייעם שיינעם יידישן וואָרט געלייענט ווערן.

---

# אברהם פּנחס ציקערט

## כתר שם טוב

פֿאַר שטענצלען

ווער ס׳שפּאַרט זײַנע אַקסלען פֿאַר לאַסט פֿון אחריות
און קרעכצט ניט, אַז שווער ס׳איז, ס׳טוט וויי,
ווער אין קייטן געשמידט צום וואָרט — דאָך פֿרײַ איז
— דו וועסט זײַן צווישן זיי.

ווער ס׳קלאָגט ניט, אַז ברויט איז ביטער און ווייניק
און יצירה איז אייביק אים ניי,
ווער ס׳נעמט אויף וואָרט מיט אַ האַרץ אַ גערייניקטס
— דו וועסט זײַן צווישן זיי.

ווער ס׳היט אַז אין מדבר, דער קוואַל זאָל זײַן לויטער
און טוט זײַן אַרבעט געטריי,
ווער ס׳גלויבט, ס׳זײַנען ווערטער, פּערל אָנפּאַרטרויטע,
— דו וועסט זײַן צווישן זיי.

ווער ס׳איז מיט זײַן האַרץ און מויל גלײַך — שלום
און גלויבט דעם תמימות אייביק געטריי,
גאָט, מיט אַ טראָפּן פֿון פֿרייד כאָטש באַצאָל אים!
— דעם וואָס איז צווישן זיי.

## י. ראַפּאַפּאָרט

# די קראַפט פון גייסט...

ישעיהו שפיגל: „מלכות געטאָ“, נאָוועלן, פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן“, לאָדזש, 1947. 96 זייטן, קליינע ביבליאָטעק.

ס׳איז גענוג איבערלייענען דעם נאָמען פונם ביכל, „מלכות געטאָ“, כדי צו דערפילן, אַז דאָס איז נישט סתם אַ נאָמען, נאָר אַ דיכטערישער באַגריף.

אָט די שטילע ווערטער — „מלכות געטאָ“, — זאָגן אונדז אָן, מיט דער קראַפט פון עכטער דיכטערישער בילדלעכקייט, אַז מיר טרעטן דאָ אַריין אין אַ וועלט, וואָס איז נישט ענלעך אויף דער איבעריקער, וואָס האָט אירע אייגענע געזעצן און לעבנספאָרמען, — אַ וועלט פאַר זיך, די פאַנטאַסטיש־קאַשמאַריקע „מלכות געטאָ“.

די דאָזיקע צוויי ווערטער פילן אונדז אָן מיט אַ מאָדנע פייערלעכע שטימונג, מיט אַ צוגרייטונגס־שטימונג אויף אויפצונעמען עפּעס גרויסעס, ערנסטעס, דערהויבנדיקס.

און די נעמען פון די איינצלנע דערציילונגען זענען פון דער זעלבער קוואַליטעט, ווי דער נאָמען פונם גאַנצן ביכל: שטילע נעמען וואָס האָבן נישט אין זיך קיין שום אויסערלעכן אָפּקלאַנג פונם גרויל וואָס מוז דאָך אויספילן דערציילונגען פונם אומהיימלעכן מלכות געטאָ.

פון די עלף דערציילונגען האָט בלויז איין נאָמען אַן אָנדייטונג אויף דעם אָפּגרונט פונם „מלכות געטאָ“ („ליכט פון אָפּגרונט“), אָבער די צען איבעריקע האָבן שטילע נעמען: „ענד“, „שניי“, „ברויט“, „בליעכץ“, „איבערגעלעבט“, „ייִדן“, „היינץ פרידריך לעוו“, „שבת־ליכט“, „געזאַנג פון פייקל“, „מלכות געטאָ“.

און פונקט ווי דער נאָמען פונם ביכל, ווי די נעמען פון די דערציילונגען, זענען די דערציילונגען גופא אויך שטיל, איינגעהאַלטן, ווי מען קאָן זיך דאָס גאָרנישט ריכטן אויף דערציילונגען פון היטלערס געטאָ. אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס מיר ווייסן וועגן די געטאָס, מאַכן די דאָזיקע דערציילונגען — ביי זייער גאַנצן אומערלעכן שוידער — אַן איינדרוק פון אידילישע קאַשמאַרן, — זייער שוידער איז פון אויסן געדעמפּט, שטאַרק פאַראינערלעכט, דאָ האָט צו זאָגן נישט נאָר די טעמאַטיק, וואָס מיידט אויס, ווי ווייט מעגלעך, דאָס אויסערלעך־ברוטאַלע, דאָס גראָב־ברוטאַלע, נאָר באַזונדערס דאָס די פאָרם, ווי אַזוי די טעמאַטיק ווערט באַהאַנדלט: ישעיהו שפיגל איז מער דיכטער, ווי שילדערער, און זיינע שילדערונגען זענען מער דיכטונג, ווי רעאַליסטישע דערציילונגס־קונסט. און אַלס דיכטער, אַלס עכטער דיכטער, האָט ישעיהו שפיגעל ליב דאָס שטילע, די פאַראינערלעכטע פאָרם.

דורך שטילע, פאַראינערלעכטע בילדער וויל ער אָפּשפּיגלען דעם גאַנצן אינערלעכן גרויל פונם פאַנטאַסטיש־קאַשמאַריקן מלכות געטאָ.

און דאָס געלינגט אים.



דער אוממיטלבאַרער קינסטלערישער אויסדרוק פונם געטאָ, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען איז געווען אַ דיכטערישער אויך לויט דערפאָרם. מיר האָבן זיך דערויף געוואונדערט און דאָס באַוואונדערטע: סאַראַ גייסטיקע קראַפט עס איז נויטיק, כדי צו געשטאַלטיקן און דיכטערישן אויסדרוק אַזעלכע איבערלעבונגען. באמת, די, וועלכע ווייסן וואָס דיכטונג איז, פאַרשטייען גוט דעם טייטש פון „ממעמקים קראתיך“, אָבער דאָך מוז מען באַוווּנדערן די קראַפט פון מענטשן (פון איינצלנע מענטשן און פונם מענטש אַלס אַזאַ), וועלכע קאָנען פון אַזאַ ממעמקים (קיין שום קאָלעקטיוו מענטשן האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט געפונען אין אַזאַ „ממעמקים“!) אַרויסזינגען.

ס׳האָט אָבער אויסגעזען צו זיין אוממעגלעך, אַז מענטשן האָבן אין געטאָ געקאָנט געפינען אין זיך גענוג קינסטלעריש־גייסטיקע קאַלט־בלוטיקייט צו פורימען פּראָזע־דערציילונגען, וואָס זאָלן אָפּשפּיגלען דעם ביישפּיללאָזן עלנט, דעם ביישפּיללאָזן גרויל.

אָבער אויב ער איז נישטאָ אַזאַ געמיינהייט, אויף וועלכער מענטשן זאָלן נישט זיין פעאיק, (און די היטלער־עפּאָכע, ווי די נאָך־היטלער־עפּאָכע האָבן דאָס קלאָר און בולט באַוויזן), איז אויך נישטאָ אַזאַ דערהויבנקייט, אַזאַ גייסטיקער מוט, אויף וועלכן אַ מענטש זאָל נישט פעאיק זיין. זיצן אינם היטלער־געטאָ, זיך געפינען אַליין לעבעדיקערהייט אין גיהנום און צוזען, ווי אַ פאָלק ווערט פאַרניכטעט אין דאָזיקן גיהנום־געטאָ און דאָך געפונען אין זיך די נויטיקע גייסטיקע גלייכגעוויכט אויף צו געשטאַלטיקן דאָס דאָזיקע גיהנומדיקע לעבן, איז אַ נס. דערויף איז נויטיק אפשר נישט קיין קלענערער (הגם אַן אַנדערע) גייסטיקע קראַפט, ווי צו גיין אין קאַמף קעגן די היטלערישע געס־טאַפּאָ־שדים.

ישעיהו שפיגעלס „מלכות געטאָ“ איז (דערווייל?) דער ערשטער קינסטלערישער פּראָזע־עלעמענט, וואָס קומט צו אונדז דירעקט פון געטאָ, ד.ה. ער איז געשריבן געוואָרן אין געטאָ גופא.

אָט איז אַן אויסצוג פון קליינטשיקן פאָרוואָרט צום דאָזיקן ביכל:

„די נאָוועלן, וועלכע גייען אַריין אין דעם ביכל, זיינען געשריבן געוואָרן אין לאָדזשער געטאָ אין די טרויעריקע יאָרן 1940־1944.“

אויגוסט 1944, בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ, האָט דער שרייבער זיי, צוזאַמען מיט פיל אַנדערע ליטעראַרישע אַרבעטן, פאַרגראָבן אין אַ קעלער.

„...זומער 1945, ווען דער מחבר האָט זיך אומגעקערט פון אָשוויענטשים און פאַרשידענע אַנדערע לאַגערן, האָט ער זיינע שריפטן אויפגעגראָבן און אַ טייל פון זיי געפונען אין אַ צושטאַנד, וואָס גיט אונדז די מעגלעכקייט זיי אַרויסצוגעבן“.

וויפל באַגראָבענע געטאָ־שאַפונגען, וואָס זייערע מחברים האָבן נישט איבערגעלעבט די געטאָס און די אָשוויענטשים׳ס, ליגן באַגראָבן אונטער די חורבות פון די היטלערס־געטאָס?

וויפל עדות פון יידישער גייסטיקער גבורה ליגן שטום אין דער ערד

און וואַרטן אויף אַ צופאַל, כדי עדות צו זאָגן?

די דערציילונגען פון „מלכות געטאָ“ זענען געלייטערטע דיכטונג. און דאָס, ווי אויבן געזאָגט, דעמפט אפילו די שטעלן, וואָס זייער אינהאַלט איז — דירעקטער, אָפענער גרויל. די שפּראַך איז אַזוי ווייך און האַרציק־ליריש, די שטימונג איז אַזוי פול מיט דיכטערישן ליבע־ציטער צום מענטשן און זיין פאַרלוירנקייט אין דער וועלט, אַז מען כאַפּט זיך אָפּ, אַז די קלעפּ, וואָס דער אינהאַלט דערלאַנגט אונז, ווערן אָפּגעשוואַכט דורך דער צווישנשיכט דיכטערישקייט.

דער ספּעציפישער גרויל פון „מלכות געטאָ“ איז אומאָפּטיילבאַר צונויפגעמישט מיטן גרויל פון מענטשלעכן גורל בכלל, און דאָס שאַפט אין די דערציילונגען אַ מאָדנע אַטמאָספער: מען שילדערט דאָ אַ גרויל, וואָס איז ספּעציפיש פאַרן מלכות געטאָ, און דאָך דרינגט דאָ אַריין — מיט דער הילף פון דיכטונג — דער גרויל פונעם מענטשן אויף דער וועלט. דער ספּעציפישער געטאָ־גרויל, דאַכט זיך אָפּט, איז בלויז אַ מיטל סימבאָליש צו פאַרשטאַרקן דאָס געפיל פון דעם געוויינלעכן מענטשלעכן גורל, וואָס דאָס איז דער געביט פון מלכות דיכטונג. מען דאַרף זיין אַ גרויסער דיכטער (יעדנפאַלס האָבן די פּאַטענץ פאַר אַזאַ), כדי אין די ספּעציפישע באַדינגונגען פון געטאָ נישט צו פאַרלירן פון אויג דעם מענטשן בכלל, און דערהויבן דעם יידישן געטאָ־גרויל צו מענטשהייט־גרויל בכלל.

נעמט, למשל, די דערציילונג „געזאַנג פון פייגל“.

„פון די דעכלעך זענען פאַרשוווּנדן די פייגל, און די פּאָר הינט, וואָס האָבן זיך דאָ געכאַוועט ביי יידן (אין געטאָ. — י.ר.) זענען איינציקווייז אויסגעגאַנגען פון הונגער. אפילו די קעץ האָבן זיך אין די נעכט אַרויסגעשאַרט צווישן די דראָטן און אַוועק אין שטאָט אַריין. די געסלעך זענען געוואָרן ליידיק פון הויז־חיות און הויז־עופות. ביים רויטן וועלוול אין טויבנשלאַק איז שוין נישט געווען קיין איינאיינציקע טויב.... דאָס ערשטע געשווילעכץ איז אויפגעגאַנגען אויף די בלייכע פּנימער פון די יידן“.

אָט אַזוי זעט אויס די געטאָ, ווען די דייטשן האָבן באַפוילן די יידן אָפּצוגעבן די מוזיק־כלים וואָס געפינען זיך אין געטאָ.

„די מענטשן האָבן אָפּגעגעבן די אינסטרומענטן מיט אַ באַהאַלטענעם צער און קלעמעניש... אָט שלאָגט ער זיך שוין צו איצט, דער דייטש, צו דער יידישער נשמה“.

אין געטאָ איז אַזוי שלעכט, אַז אַלע לעבעדיקע וועזנס קומען דאָרט אום אָדער אַנטלויפן פון דאָרט, און די פון הונגער געשוואָלענע יידן טוט וויי, וואָס מען רירט אָן זייער נשמה.

און ווען וועלוול דער רויטער טראָגט זיין שפּילקאַסטן צו די דייטשן, טראָגט ער נישט זיין אַמאָליקן קרנסה־קוואַל, נאָר אַ שטיק נשמה.

און ווען די דייטשן הייסן אים שפּילן אויפן שפּיל־קאַסטן און זיי שלאָגן אים פאַר דער חוצפּה פון אַ „דרעק־יודע“ צו שפּילן זייער גרויסן שטראַוס,



איז דאָס נאָר אויסערלעך דער קערן פון דער דערציילונג, — איר אינערלעכער, דער אמתער קערן באַשטייט אין דעם, וואָס „דער רויטער וועלוול האָט זיך אויפגעהויבן באַלד פאַרטאָג און אָפּגעדעקט דעם ליילעך פון דער קאַטאַרינקע. זי האָט אַ בלאַנק געטאָן צו אים מיט אירע זיידענע פאַרהענגלעך און מיט די צוויי העלע ליכטיקע צעפּ פון די צוויי שיינע ווייבער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט מיט זייערע נאַקעטע וואַרעמע העלדזער. ער האָט אַרויסגעלייגט זיינע הענט אויפן קאַסטן, אַ וואַרעמקייט איז אויפגעגאַנגען אונטער זיינע פינגער. איידער ער האָט אַרויפגעצויגן אויף די אַקסלען ביידע פּאַסקעס, האָט ער נאָך געוואָלט אָפּשפּילן אַ ווינער שטיקל. ער האָט אַ דריי געטון מיטן אָפּשטיינדיקן הענטל — אין שטיבל האָט זיך צעקאָלערט אַ ווייכער, וויקנדיקער ניגון, ווי די צוויי ווייבער טאַקע וואָלטן אַרויסגעזונגען פון הינטער די זייבערע פאַרהאַנגלעך אַ ווייך ליכטיק ליד. דער רויטער וועלוול האָט, דרייענדיק מיטן הענטל, געהויבן דעם קאָפּ אַרויפצו, ווי ער וואָלט געזוכט עמעצן מיט די אויגן אונטערן בעליק....“

איך ווייס, עס וועלן זיך געפינען לעזער, וועלכע וועלן אַ טראַכט טאָן: איז טאַקע פון געטאָ נישטאָ קיין וויכטיקערס צו דערציילן, ווי אַ מעשה מיט אַ קאַטאַרינקע, פון וועלכע מען האָט שוין קיין פּרנסה סיי ווי נישט געצויגן און וואָס מען האָט זי באַדאַרפט אָפּגעבן דעם דייטש אַלס צוגאָב צום גאַנצן לייב און לעבן?

אָבער פיינפילנדערע לעזער וועלן דערפילן ווי סובטעל שפּיגעל שילדערט דעם קאַמף קעגן גייסטיקער דעגרעציע, דעם קאַמף פון מענטשנס מענטשלעכקייט קעגן דער פריי־געוואָרענער חיהשקייט.

וועלוול דעם רויטנס פאַרלאַנג צו שפּילן אַ ווינער שטיקל אויף זיין שפּיל־קאַסטן פאַרמאָגט אין זיך מער גייסטיקע דערהויבנקייט, מער עכט־אינערלעכע מענטש־קולטור, ווי שטראַוס גאַנץ שאַפן, מיט דער דייטשישער „קולטור“ אַלס צוגאָב. און די קאָנסטרוקציע פון דער דאָזיקער דערציילונג איז מייסטערהאַפט.

שפּיגעל ענדיקט זי נישט מיט די קלעפּ פון די דייטשן.

„באַלד ווי דער רויטער וועלוול איז אַהיימגעקומען פון מאַרק, איז ער אַוועקגעפאַלן איבערן אייזערנעם בעטל. דאָס פּנים איז געווען אָדורכגעשניטן מיט פאַרזעצטע רויטע ברעגעס, אויף די ציין איז אים געווען קלעפּיק. אינעם האַלדז איז אים אויפגעגאַנגען אַ גליאיקער ווייטיק, ווי אַ שטיק קויל וואָלט אים געזעסן אין גאָרגל. ער האָט זיך אַ טאַפּ געטאָן פאַרן שטערן און דערפילט אַ שלאַגנדיקע היץ אונטער די אויגן... עס האָט אים פאַרפעלט לופט.“

און דער רויטער וועלוול גייט צו צום פענצטערל, עפנט אים. „און מיט איינמאָל — האָט זיך אים אינעם האַרץ עפּעס אַ ריר געטאָן: אויפן דעכל איז געשטאַנען אַ כאָפּטע וואָרובליעס, וואָס האָבן געטשיריקעט אָן אויפהער. נאָך לאַנגע, לאַנגע חדשים זענען זיי ווידער געקומען... און ביז שפּעטער, טיפער דעמערונג איז געהאַנגען אונטערן טויבנשלאַק אויפן דעכל דאָס געזאַנג פון די פייגל — — —“

(המשך קומט)

און וואַרטן אויף אַ צופאַל, כדי עדות צו זאָגן?

די דערציילונגען פון „מלכות געטאָ“ זענען געלייטערטע דיכטונג. און דאס, ווי אויבן געזאגט, דעמפט אפילו די שטעלן, וואָס זייער אינהאלט איז — דירעקטער, אפענער גרויל. די שפראך איז אַזוי ווייך און הארציק־ליריש, די שטימונג איז אזוי פול מיט דיכטערישן ליבע־ציטער צום מענטשן און זיין פארלוירנקייט אין דער וועלט, אז מען כאַפּט זיך אפּט, אַז די קלעפּ, וואָס דער אינהאלט דערלאַנגט אונז, ווערן אָפּגעשוואַכט דורך דער צווישנשיכט דיכטערישקייט.

דער ספּעציפישער גרויל פון „מלכות געטאָ“ איז אומאפּטיילבאר צונויפגעמישט מיטן גרויל פון מענטשלעכן גורל בכלל, און דאס שאפט אין די דערציילונגען א מאדנע אַטמאָספער: מען שילדערט דא אַ גרויל, וואָס איז ספּעציפיש פארן מלכות געטא, און דאך דרינגט דא אַריין — מיט דער הילף פון דיכטונג — דער גרויל פונם מענטשן אויף דער וועלט. דער ספּעציפישער געטא־גרויל, דאכט זיך אפּט, איז בלויז אַ מיטל סימבאליש צו פארשטארקן דאס געפיל פון דעם געוויינלעכן מענטשלעכן גורל, וואָס דאס איז דער געביט פון מלכות דיכטונג. מען דארף זיין א גרויסער דיכטער (יעדנפאלס האבן די פּאטענץ פאר אזא), כדי אין די ספּעציפישע באדינגונגען פון געטא נישט צו פארלירן פון אויג דעם מענטשן בכלל, און דערהויבן דעם יידישן געטא־גרויל צו מענטשהייט־גרויל בכלל.

נעמט, למשל, די דערציילונג „געזאַנג פון פייגל“.

„פון די דעכלעך זענען פארשוווּנדן די פייגל, און די פאר הינט, וואָס האבן זיך דא געכאוועט ביי יידן (אין געטא. — י.ר.) זענען איינציקוויז אויסגעגאנגען פון הונגער. אפילו די קעץ האבן זיך אין די נעכט ארויסגעשארט צווישן די דראטן און אַוועק אין שטאט אַריין. די געסלעך זענען געוואָרן ליידיק פון הויז־חיות און הויז־עופות. ביים רויטן וועלוול אין טויבנשלאק איז שוין נישט געווען קיין איינאיינציקע טויב.... דאס ערשטע געשווילעכץ איז אויפגעגאנגען אויף די בלייכע פנימער פון די יידן“.

אָט אַזוי זעט אויס די געטא, ווען די דייטשן האבן באפוילן די יידן אפּצוגעבן די מוזיק־כלים וואָס געפינען זיך אין געטא.

„די מענטשן האבן אָפּגעגעבן די אינסטרומענטן מיט אַ באהאלטענעם צער און קלעמעניש... אָט שלאָגט ער זיך שוין צו איצט, דער דייטש, צו דער יידישער נשמה“.

אין געטא איז אזוי שלעכט, אז אלע לעבעדיקע וועזנס קומען דארט אום אדער אַנטלויפן פון דארט, און די פון הונגער געשוואָלענע יידן טוט וויי, וואָס מען רירט אָן זייער נשמה.

און ווען וועלוול דער רויטער טראגט זיין שפּילקאסטן צו די דייטשן, טראגט ער נישט זיין אמאליקן קרנסה־קוואַל, נאר אַ שטיק נשמה.

און ווען די דייטשן הייסן אים שפּילן אויפן שפּיל־קאסטן און זיי שלאגן אים פאר דער חוצפה פון אַ „דרעק־יודע“ צו שפּילן זייער גרויסן שטראוס,



איז דאס נאר אויסערלעך דער קערן פון דער דערציילונג. — איר אינערלעכער, דער אמתער קערן באשטייט אין דעם, וואס „דער רויטער וועלוול האט זיך אויפגעהויבן באלד פארטאג און אפּגעדעקט דעם ליילעך פון דער קאטארינקע. זי האט אַ בלאנק געטאן צו אים מיט אירע זיידענע פארהענגלעך און מיט די צוויי העלע ליכטיקע צעפּ פון די צוויי שיינע ווייבער, וואָס האבן אַרויסגעקוקט מיט זייערע נאקעטע ווארעמע העלדזער. ער האט אַרויסגעלייגט זיינע הענט אויפן קאסטן, אַ ווארעמקייט איז אויפגעגאנגען אונטער זיינע פינגער. איידער ער האט אַרויפגעצויגן אויף די אַקסלען ביידע פּאַסקעס, האט ער נאָך געוואָלט אפּשפּילן אַ ווינער שטיקל. ער האט אַ דריי געטון מיטן אפּשטיינדיקן הענטל — אין שטיבל האט זיך צעקאלערט אַ ווייכער, וויקנדיקער ניגון, ווי די צוויי ווייבער טאקע וואָלטן אַרויסגעזונגען פון הינטער די זויבערע פארהאנגלעך אַ ווײַ ליכטיק ליד. דער רויטער וועלוול האט, דרייענדיק מיטן הענטל, געהויבן דעם קאפּ ארויפצו, ווי ער וואָלט געזוכט עמעצן מיט די אויגן אונטערן בעליק....“

איך ווייס, עס וועלן זיך געפינען לעזער, וועלכע וועלן א טראכט טאן: איז טאקע פון געטא נישטא קיין וויכטיקערס צו דערציילן, ווי א מעשה מיט אַ קאַטאַרינקע, פון וועלכע מען האט שוין קיין פרנסה סיי ווי נישט געצויגן און וואָס מען האט זי באדארפט אָפּגעבן דעם דייטש אלס צוגאב צום גאנצן לייב און לעבן?

אָבער פיינפילנדערע לעזער וועלן דערפילן ווי סובטעל שפּיגעל שילדערט דעם קאמף קעגן גייסטיקער דעגרעציע, דעם קאמף פון מענטשנס מענטשלעכקייט קעגן דער פריי־געוואָרענער חיהשקייט.

וועלוול דעם רויטנס פארלאנג צו שפּילן אַ ווינער שטיקל אויף זיין שפּילקאַסטן פארמאגט אין זיך מער גייסטיקע דערהויבנקייט, מער עכט־אינערלעכע מענטש־קולטור, ווי שטראוס גאנץ שאפן, מיט דער דייטשישער „קולטור“ אלס צוגאב. און די קאנסטרוקציע פון דער דאזיקער דערציילונג איז מייסטערהאפט.

שפּיגעל ענדיקט זי נישט מיט די קלעפּ פון די דייטשן.

„באלד ווי דער רויטער וועלוול איז אַהיימגעקומען פון מארק, איז ער אַוועקגעפאלן איבערן אייזערנעם בעטל. דאס פנים איז געווען אדורכגעשניטן מיט פארזעצטע רויטע ברעגעס, אויף די ציין איז אים געווען קלעפּיק. אינם האלדז איז אים אויפגעגאנגען א גליאיקער ווייטיק, ווי א שטיק קויל וואָלט אים געזעסן אין גארגל. ער האט זיך אַ טאפּ געטאן פארן שטערן און דערפילט אַ שלאגנדיקע היץ אונטער די אויגן... עס האט אים פארפעלט לופט.“

און דער רויטער וועלוול גייט צו צום פענסטערל, עפנט אים. „און מיט איינמאל — האט זיך אים אינם הארץ עפּעס אַ ריר געטאן; אויפן דעכל איז געשטאנען אַ כאַפּטע וורובליעס, וואָס האבן געטשיריקעט אָן אויפהער. נאָך לאנגע, לאנגע חדשים זענען זיי ווידער געקומען... און ביז שפּעטער, טיפער דעמערונג איז געהאנגען אונטערן טויבנשלאק אויפן דעכל דאס געזאנג פון די פייגל — — —“

(המשך קומט)

## ש. י. דאַרפֿזאָן

# אן „טענצע" און אן „געזענגע"

(וועגן זיגמונט טורקאָווס גאַסטראָלן אין לאָנדאָן)

1

די פאַרוואַלטונג און די חברים־טרופּע פון טעאַטער „גרענד־פּאַלעי", פאַרדינט אן אויפריכטיקן דאַנק — פאַר ברענגען דעם גרויסן יידישן קינסטלער זיגמונט טורקאָוו, כדי צו דערעפענען דעם נייעם טעאַטער־סעזאָן אין דעם מדבר, וואָס הייסט „יידיש לאָנדאָן".

זיגמונט טורקאָוו, וועמענס שם־טוב באַגלייט זיין פּראָדוקטיווע טעטיקייט אין משך פון די לעצטע 25 יאָר אַלס גלענצנדער אַקטיאָר, רעזשיסאָר און רעפאָרמאַטאָר פונם בעסערן יידישן טעאַטער אין אַמאָליקן פּוילן, איז צום ערשטן מאָל געקומען קיין לאָנדאָן פון דעם ווייטן בראַזיליע, וווּ ער איז אין די לעצטע עטלעכע יאָר געווען טעטיק אַלס רעזשיסאָר פון אַ דראַמטיקן, ניט־יידישן טעאַטער, אין דער פּאָרטוגעזישער שפּראַך.

טורקאָוו איז געקומען קיין לאָנדאָן צום ערשטן און הלוואי — ניט צום לעצטן מאָל!

עפּעס אַ וויסטע קללה הענגט איבער דעם בעסערן יידישן טעאַטער, איבער זיינע גוטע אַקטיאָרן, רעזשיסאָרן און אפילו איבער די פּיעסן פונם ערנסטן יידישן רעפּערטואַר, וואָס ווערן אויפגעפירט אין דעם — פון יידישן שטאַנדפּונקט — פאַרשאָלטענעם לאָנדאָן!

אַ וויסטן מזל האָבן געהאַט די לאָנדאָנער גאַסטראָלן פון דער העברעאישער „הבימה" און „אהל"; פון מאָריס שוואַרצס „קונסט־טעאַטער" פון ניו־יאָרק און פון אַנדערע ערנסטע יידישע טעאַטערס — וואָס האָבן דאָ גאַסטראָלירט פאַר דער מלחמה. אַן ענלעכע ביטערע דאָליע האָבן געהאַט די גאַסטראָלן פון אידאַ קאַמינסקאַ, פון יוסף בורלאַוו און יעקב ראָטבוימס אויפפירונג פון אַ „גאָלדפאַדן־חלום", ערשט מיט דריי יאָר צוריק.

לאָנדאָנער יידן דאַרפן ניט האָבן קיין בעסערן יידישן טעאַטער, ווייל מען האָט זיי יאָרן־לאַנג געקאָרמעט מיט אַ פאַרדאָרבענעם באַלאַגאַן — אויף יידיש לשון; די אַקטיאָרן זיינען געווען געצוווּנגען צו מעלה־גרה אַ „פּראָזע", אויסגעמישט מיט קאַטשערעס און לאַפּעטעס, וואָס זיי האָבן אַליין ניט פאַרשטאַנען.

אָט אַזאַ סאָרט „טעאַטער", וואָס איז למען־האמת, גאָר קיין טעאַטער ניט, נאָר עפּעס אַ שענדלעך אַנשיקעניש פון פּרימיטיוו־צוזאַמענגעסטריגעווועטע „פּיעסן", וועמענס „האַנדלונג" עקלט פּשוט — אָט מיט דער „סחורה" האָט מען געקאָרמעט דעם יידישן טעאַטער־עולם, ביז זייער געשמאַק פאַר עסטעטישער שיינקייט, קלאַנג פון וואָרט און לשון, איז געוואָרן פאַרדאָרבן — ביז גאָר!

דאָס איז, צו אונזער צער און ווייטיק, דער ביטערער אמת!



2

„זינג מיין פאָלק" און דוד פּינסקי׳ס האַרציקע יידישע קאָמעדיע „דער אוצר", די דאָזיקע באמת פיינע פּיעסן, וואָס דער גרויסער טעאַטער־מייסטער זיגמונט טורקאָוו האָט באַוויזן אויפצופירן אויף דער קליינער בינע פון „גרענד־פּאַלעי" מיט אַזוי פיל רעזשיסאָרישער גענייטקייט און שוישפּילערישער מייסטערשאַפט, — פּיעסן, וואָס וואָלטן פאַרשאַפט כבוד און רום יעדן טעאַטער ביי די אומות־העולם — אָט די זעלבע פּיעסן, זיינען ניט „געפעלן" אַ געוויסן טייל פון דעם לאָנדאָנער יידישן טעאַטער־עולם, ווייל זיין טעאַטער־מאַגן איז געוואָרן פאַרדאָרבן פון דעם סאָרט „פּיעסן", וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט.

און געפעלן זיינען ניט די פּיעסן, וואָס זיגמונט טורקאָוו האָט דאָ אויפגעפירט, ווייל עס האָט אין זיי געפעלט „געזענגע און טענצע"; די רוסישקאַצאַפּישע „קאָזאַטשאָקס", און די ראָמאַנטיש־סענטימענטאַלע „געזענגע", וואָס זיינען דאָס רוב געוואָרן געלאַטכנט און דאַן „בעאַרבעט" פאַר דעם „סטאַר", וואָס מושלט נאָך עד־היום אויף די וואַקלדיקע בינעס פון אונזער אומגליקלעכן יידישן טעאַטער.

ווען איך בין געזעסן אין „גרענד־פּאַלעי" אויסגעמישט מיטן עולם און מיט אַ פאַרכאַפּנדיקן אָטעם נאָכגעפאָלגט די האַנדלונג פון „זינג מיין פאָלק", וואָס טורקאָוו האָט אָנגעשריבן און, ווי קיין אַנדערער מחבר און אַקטיאָר ביז־איצט — האָט ניט אַרויסגעבראַכט אַזאַ שיינעם, ממש־פאַר׳כשופטן ספּעקטאַקל וועגן אברהם גאָלדפאַדנס לעבן און קאַמף, צער און ווייטיק, האָב איך מיך געשעמט פון די עם־האַרצישע באַמערקונגען מצד געוויסע טיילן פונם „פּובליקום"....

דערזעלביקער יידישער טעאַטער־עולם, וואָס האָט אַמאָל זיך דערקוויקט מיט די אויפפירונגען פון „שולמית", „עקידת־יצחק", „בר־כוכבא" און אַנדערע פּיעסן פון גאָלדפאַדנס עשירות׳דיקן רעפּערטואַר, האָט ממש רעוואָלטירט, הלמאַי טורקאָוו „דערלאַנגט" זיי ניט די געגאַרטע „טענצע און געזענגע"....

3

יאָ, רבותי, אַזוי ווייט האַלטן מיר דאָ מיט דעם מצב, וואָס הייסט — „יידיש־טעאַטער"!

אין תוך גענומען:

וואָס ווילן מיר האָבן פון דעם יידישן „עמך"־עולם, וואָס קומט פאַרט אין יידישן טעאַטער?

וואָס האָבן מיר זיך אָנגעזעצט אויף אים און האַלטן אין איין קריטיקירן זיין געשמאַק? סוף כל סוף, איז ער דאָך אַ געטרייער „קאָנסומענט" און פאַרפעלט ממש ניט קיין פאָרשטעלונג. און זאָלן מיר אים, חלילה, פאַרלירן אַלס אַ „קאָסטימער", בלייבן מיר כלו־נאַקעט, ווי מיר זיינען געבוירן געוואָרן.

הייסט עס, אַז מיר דאַרפן האָבן טענות צו געוויסע יידן, די אַזוי גערופענע „שמינטעליגענץ", וואָס קומט לחלוטין ניט אין יידישן טעאַטער — אפילו

ניט ווען מען גיט זיי פרייע בילעטן פאר זייערע פרויען און קינדער, פאַר שוויגער און סתם־קרובים! די דאָזיקע „שמינטעליגענץ", (וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי פארנעמען קהל־ישע און געזעלשאַפטלעכע פאָסטנס), שמעקן ניט אַריין אין יידישן טעאטער, סיידן עס געשעט אַ „נס" און די ענגלישע (ניט־יידישע פרעסע, פארשטייט זיך), גיט אמאל „סמיכה" אַ יידישן מחבר. דעמאלט, אָ דעמאלט, קומען זיי צוקריכן און פאָסמאַקעווען זיך אַ דאנק דער גוי'עשער „סמיכה"....

אין לאנדאן זיינען פאראן שטענדיקע 42 ענגלישע טעאטערס (א חוץ קליינקונסט־בינעס, וואַריעטעס, קאבארעטן און אַנדערע פארוויילונגס־ערטער). די דאָזיקע ניט־יידישע מקומות, זיינען איבערפולט מיט יידן, וואָס האבן שוין פארטריבן פון זייערע היימען די יידישע דינים און מנהגים — צוזאמען מיט דעם יידישן לשון!

דער פאקט איז פאר אונז אַ ביטערע קאנסטאטירונג פון דער טראגישער ווירקלעכקייט.

אַזוי איז דער מצב אין יידישן טעאטער, פון דער יידישער פרעסע און פונם יידישן וואָרט אין לאָנדאָן, וואָס צאנקט מיט דעם לעצטן אָטעם, ממש.

*4.*

ניט געקוקט אויף דער ווייטיקלעכער איגנאראנץ מצד געוויסע טיילן פון דער יידישער אינטעליגענץ, (וואָס האָט אן וועלכע עס איז מאטיוון ממש באיקאטירט די גאסטראלן פון אידא קאמינסקא, יוסף בולאוו און אנדערע קינסטלער, וואָס זיינען אין די לעצטע נאך־מלחמה יארן געווען אין לאנדאן), האבן, זיגמונט און ראזא טורקאוו, דאָ געהאט אַ גרויסן קינסטלערישן דערפאלג. די יעניקע יידן, וואָס זיינען יא געקומען זען און באוואונדערן די גרויסע געסט, וואָס האבן אַריינגעבראכט יום־טובדיקייט אין אונזערע גרויע, פארנעפלטע טעג, האבן געהאט די גרעסטע סאטיספאקציע — אַ דאנק די אויפפירונגען, וואָס מיר האבן געזען ביז־איצט.

זיגמונט טורקאוו האט געשטארקט אונזער בטחון, אז יידיש טעאטער האט נאך אויסצופירן אַ וויכטיקע מיסיע אין אונזער יידיש לעבן, וואָס איז געוואָרן אַזוי מורא'דיק אמפוטירט דורך דעם פארלוסט פון מיליאנען ברודער און שוועסטער!

אַ יישר־כח די חברים־טרופע פון „גרענד־פאלעי", ווצמענס אקטיארישע מיטהילף האט באַשיינט טורקאווס מייסטערהאפטע אויפפירונגען.

מיר וויסן, אז איר האט שוישפילעריש זיך בעסער געפילט אין די פיעסן, וואָס זיגמונט טורקאוו האט אויפגעפירט, איידער אין די, פון גאָט־געשטראפטע „פיעסן", וואָס איר וועט זיין געצוואונגען צו שפילן, ווען זיגמונט טורקאוו וועט פארלאזן שלום עליכם'ס „לאָנדאָן, פאַרוואָס ברענסטו ניט"?



# מאיר צעלניקער אויף דער ענגלישער בינע

זייענדיק אַליין אַ שטיקל איבערזעצער, האט עס מיך געצויגן צו גיין זען צעלניקערן אויף דער ענגלישער בינע און צוהערן זיך ווי אַזוי ער ,איבער־זעצט" זיך פון יידיש אויף ענגליש....

יאָ, ער קען מאירקע, זיין איבערזעצונג איז „פערסט־קלאַס" — אבער נישט קלאַסיש, קלאַסיש קען ער נאר זיין אויף די יידישע „קראכנדיקע" און „קרעכצנדיקע" ברעטער. מען שפירט בחוש, ווען מ'זעט אים אויף דער ענגלי־שער בינע, ווי צעלניקער „האלט קאפ" בעת ער זאגט זיין טעקסט, און ער פארלירט דערביי די בארימטע צענטל סעקונדע, וואָס איז כידוע פאטאל....

צעלניקער שפילט זיין ראלע, ווי זי וואָלט פאר אים געווען צוגעשניטן... איך האב אבער כסדר געהאט דאס געפיל, אז זי איז אַזוי גוט צוגעשניטן, און צוגעפאַסט אז עס איז אים שוין אַ קאַפּעטשקע צו ענג אונטער די אַרבל...

צעלניקער'ס ,דעבי" אויף דער ענגלישער בינע, אין „עמבאַסי־טעאטער" אין דעם פיעסע „טהי גאלדן דאר", אין דער כאראקטער־ראלע פון אַ יידישן סובלאקאטאר ביי אַן'אַקאַרשט אימיגרירטע אלמנה, צו וועמען ער שדכנט זיך, איז געווען אַ „סוקסעס" אי פאר זיין שוישפילערישן טאלאנט, אין פאר זיין צופאַסונג־פעאיקייט. ער האט טאקי באַוויזן די אמתע קינץ — אל־רייט, ער קען עס סערווירן אויף ענגליש אויך, „פליז יורסעלף"....

דאָס ווייטשעפלער יידיש טעאטער־פוקבליקום פארגינט עס זיכער זייער צעלניקער מיטן גאנצן הארצן — אויב ער האט געפינען אַ בעסערן „דזשאב", גוד לאק טו הים; אבער צו צעלניקער וועט עס דארט אויסהאלטן, און נישט צוריקבענקען נאך זיין ערשטע ליבע, און נאך זיינע אַלטע קאסטאמערס — דאס וועט מען זען.

אלקושי

---

## צייט-פראגן

כדאי צו דערמאנען.

אין „דזשויש קראניקל" פון 7־טן אקטאבער ה.י. איז געווען פארעפנט־לעכט אַ ווענדנוג צו די לייענער (געמיינט יידישע) וועגן א זאמלונג פון בגדים פאר די... דייטשע פלטים אין מערב־דייטשלאנד.

האט מיך שטארק פארוואונדערט דער ענין. ערשטנס, ווי אזוי האבן די דייטשן אין אזא קורצער צייט אָפגעטראגן די קליידער פון אונדזערע סאמע נאנסטע קרובים, וועלכע זיי האבן פארן אומברענגען בארויבט פון די זאכן ביז דער וועש איינשליסלעך... און אויפן יידישן רעדאקטאר. אויב אים האט אָפגעגליקט און ער איז „דארטן" (באַצייכענונג פון ז. סעגאלאָוויטש ז.ל.) נישט געווען מעג ער שוין אונטערטראגן יידישע לייענער אַ ווענדונג וועגן רחמנות צו די דייטשן פון אונדזער דור!

ווער זשע וועט אָפּהיטן די צוואה פון אונדזערע קדושים?

הומאניטארע שחיטה.

ס'האבן זיך שוין דא באוויזן אקסן־פריינט, וועלכע פארשרייען די יידישע

שחיטה פון בהמות אלס נישט הומאַניטאַרע.

וואָלט גלייך געווען זיך צו ווענדן וועגן דאזיקן ענין צו די באַריסטערס פּאזשעט און סילקין, וועלכע פאַרטיידיקן אזוי געוויסנהאַפט דעם שוחט פון הונדערטער טויזנטער יידן, פאַן מאַנשטיין.

ווער קען נאָך זיין אזוי בקא אין הלכות הומאַניטאַרע שחיטה ווי זיי? עמך — צי אָקספאָרד.

וואָלט ווער געגלויבט אז יידיש, אונדזער מאַמע־לשון, וואָס איז אַמאָל פאַרשריגן געוואָרן אלס שפראַך פון דינסטמיידן און בעלמלאכעס וועט אויפגעריכט ווערן און דווקא אין ענגלאַנד?

נישטא זיך וואָס איבערצונעמען דערמיט, אז ס'איז נישטא דא קיין איין דערציונגס־אנשטאלט ווו מ'זאל קענען הערן א יידיש וואָרט; ס'שאַדט אויך נישט וואָס דער יינגערער דור ווערט דערצויגן אין איגנאַראַנץ צו יידיש.

אט גיט איבער די פאַריזער „אונזער שטימע“ פון 28טן סעפּט. ה.י. אז א יידישער דיכטער פון לאנדאן האט אין פאַריז דערציילט, אז „ער האט געהאַט אפט רעפעראַטן אין אָקספאָרד און אין לאנדאן איבערן יידישן פאָלקלאָר פאַר דער ענגלישער שטודירנדיקער יוגנט און אינטעלעקטועלע קרייזן, וואָס האבן אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס.

רעטראָספּעקטיוו גענומען זענען פיל פון אונדזערע ליטעראַטור־שעפער און שפראַך באַרייכערער געקומען צו עמך דאַכט זיך נישט דורך אָקספאָרד.

מאַנטשעסטער, אָקטאָבער 1949. מ. אַלמאַן

## יחזקאל נח ערליכמאַן

## א גל של עצמות

אין אַ גאַליצישע שטאָדט ווו עס האט געוואוינט אַ רבי, שוין פון אַ לאַנגער צייט, האט זיך אַריינגעצויגן אַן אַנדערער רבי פון אַ ווייטער געגענד, און אַזוי ווי זיינע חסידים האבן פאַרשפּרייט אין די שטאָדט, און אין די אומגעגענט, אז ער איז אַ גרויסער בעל מופת און א פועל ישועות, האבן זיך א לאָז געטון צו אים אַ גרויסער עולם, יעדער מיט זיין פּעקל צרות, און עס פאַרשטייט זיך אַז דער רבי האט געמאַכט דערביי אַ שיינע מטבע.

די חסידים פון היימישן רבין האבן מיט גרויס קנאה זיך צו געקוקט ווי ביים פרעמדן רבין'ס טיר שטייען יעדן טאָג לאַנגע רייען בעזוכער, און עס האט שטאַרק געשאַדט צום היימישן רבינס כבוד, און די הכנסה איז אויך שטאַרק געפאַלן, און זיי האבן בעשלאָסן אז מען דאַרף עפּעס אבצוטון א טריק דעם פרעמדן רבין. איינער א יונגער חסיד, האט זיך אונטערגענומען אַדורך צו פירן דאָס שליחות, און האט זיך געלאָזט גיין צום רבין.

און כדי צו מאַכן עס בעסער פאַרשטענדלעך וועלן מיר איבערגעבן ווי דער רבי מיט דעם חסיד האבן זיך אדורך געשמועסט צווישן זיך.

חסיד: (דערלאַנגט דעם רבין א קוויטל מיט אַ פּדיון פון 10 רייניש) און



זאָגט, איך בין שוין 10 יאָר נאָך מיין חתונה און האָב נאָך נישט זוכה געווען צו אַ בן זכר, און דעריבער קום איך צום הייליקן רבין מיט אַ בקשה, ער זאָל פאַר מיר אויסבעטן א בן זכר.

רבי: (לייענט דורך דאָס קוויטל און זאָגט צום חסיד) זאָלסט וויסן יונגער מאַן, אז כדי צו דערגרייכן צו די שערי ישועה, מוז קומען דאָס התעוררות דורך מעשים, וואָס זאָלן זיין צו געפּאַסט צו די בקשה, און דעריבער איז נויטיק אז דער פּדיון זאָל זיין פון 3 מאָל ח"י (18) רייניש. פאַר דיר, פאַר דיין ווייב, און פאַר דעם בן הילוד, צוזאַמען בעטרעפט עס 54 רייניש און דאָס איז אַ רמז אויף מנין בן וואָס בעטרעפט 52 און פאַר אבא ואמא ס"ה 54.

חסיד: (איבעראַשט פון דעם גרויסן פּרייז וואָס דער רבי פאַרלאַנגט) הייליקער רבי! דערווייל בין איך דאָך נאָך נישט געהאָלפן. נעמט אייך דערווייל די 10 רייניש אלעס אַן אַנגאָבע און ווען די ישועה וועט קומען, וועל איך אייך צו צאָלן דאָס איבריקע לויט דעם מספּר 3 מאָל ח"י.

רבי: (אביסל פאַרדראָסיג) וואָס! די גלויבסט מיר נישט אז דו וועסט געהאָלפן ווערן? זאָלסט וויסן יונגערמאַן אז מלאכים שטייען גרייט פאַר מיר צו טוען מיין רצון אַזוי ווי עס שטייט אין פּסוק „כי מלאכיו יצוה לך“.

חסיד: (ווערט שוין חוצפּהדיג) דער רבי קאָן נאָך נישט זיין זיכער מיט זיינע „מלאכים“ דען עס קאָן דאָך זיין, אז איך האָב גאָר „טייז“.

רבי: (דערהערנדיק אַזעלכע דיבורים, ווערט ער שטאַרק אין כעס, און שרייט צום חסיד) די מחוצף, עזות פּנים, וואָס מיינסטו, סאיז א הפקר וועלט?

חסיד: (אין קאַלטן טאָן) אהו! דער רבי בייזערט זיך. קאָן דאָך גאָר זיין אז איר האָט קיין מלכים אויך נישט. איר סטראַשעט נאָר בלויז.

רבי: (ווערט גאָר פלאַם פייער) די שגץ, די פושע ישראל, איך וועל דאָ באַלד מאַכן פון דיר אַ גל של עצמות (א הויפן פון ביינער).

דער חסיד איז געבליבן גלייכגילטיג, עס איז אים ווינציג אנגעגאַנגען דעם רבין'ס „ברכות“, נאָר זעהענדיק אז דעם רבין'ס משמש קומט אַן — אַ ייד אַ גבֿרן — האַפּט ער צו פון טיש די 10 רייניש און אַנטלויפט.

דעם רבינ'ס אַ מקורב, וואָס איז געווען דער ביי און האָט געהערט און געזען די גאַנצע סצענע וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, איז ער צו געגאַנגען און געזאָגט צום רבין, „דער אַלטער רבי זכרונו לברכה האָט אַמאָל געזאָגט אויף איינעם ער זאָל ווערן א גל של עצמות, איז ער באַלד אויפן אָרט אַוועק געשטאָרבן, און פאַר וואָס האָט דער עזות פּנים נישט געהאַט דעם זעלבן חוף“?

האָט אים דער רבי באַרוהיגט, אַז מען קאָן נישט פאַרגלייכן די היינטיקע רשעים צו די פאַרצייטיגע, דען ווי שלעכט זיי זענען געווען, האָבן זיי נאָך געהאַט אין זיך אַ הייליגן ניצוץ, און אז מען האָט אַזאַ איינעם געזאָגט „ווער א גל של עצמות“ האָט ער זיך אַנידער געלייגט און אַוועק געשטאָרבן, די היינטיקע רשעים אָבער, זענען דאָך שטאַרק פאַרזונקען אין די מ"ט שערי טומאה, און אַפילו אַזאַ קליינינקייט — ווי אַוועק צו שטאַרבן — וויל ער אויך נישט פאָלגן, ור' ירחם.

## צו די גליקלעכע מענטשן ראזא און זיגמונט טורקאוו

יאָ, איר זענט „גליקלעכע מענטשן", ווייל איר קענט אייך ערלויבן צו נעמען אַ באַן, אַ שיף, אַ פלעין וואָס פירט אין אַ יידישער שטאָט אַריין און אויפלעבן אַ שטאָט מיט יידן. בפרט קינסטלערישע יידן וואָס זיינען פערחלשט פון הונגער און דורשט נאָכן קינסטלערישן וואָרט, פארם און קלאַנג, קענט איר מיטן כישוף פון קונסט איינס, צוויי, דערמונטערן.

איר זענט באמת גליקליכע מענטשן, רויטשילדס... פון דער בינע.

מיר טוט לייד דאס וואָס איך קען ניט זיין אויף דער אויפנאַמע לכבוד אייך, ווייל איך האב אַ רעפעראט די זעלבע צייט, פאר די קעמברידזש יידישע סטודענטן.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך אויסדריקן מיין הארציגן דאנק מיין פריינד קרעלמאַן פאר ברענגען אייך צו אונז, אַ שאָד נאָר אויף אזא קורצער צייט.

זייט ווייטער מצליח אין אייער גרויס געווינס פון געווינען די הערצער פון אלע קונסט־מבינים.

מיט נאָך אַסך ברכות

אייער בעוואונדערער,

26.10.49 **משה עובד**

## ל. האכשטיין

### זיגמונד טורקאוו׳ן א ווידמונג

(לכבוד זיין אָנקומען קיין לאָנדאָן)

מעג ער זיך קומען פון וואַנען ער וויל,
פון אַרגענטינע צי פון בראַזיל, —
שיינט אויף אים אַלץ נאָך די וואַרשאָווער שכינה,
שימערט די ראַמפע פון דאָרטיקער בינע....

מעג ער זיך טראָגן פון ווייטע אָקעאַנען, —
איז אָבער אין פוילן זיין וויגל געשטאַנען....
ס׳האָט לעבן פולסירט דאָרט אויף יידישע גאַסן,
און אין זיין טעאטער האבן געפיבערט די מאַסן....

ס׳איז אָבער פאַרשוואונדן זיין „חשובער עולם",
עס סודן זיך בוימער אויף גענשער בית עולם....
דעם עולם, די קינסטלער — אין הימל פארטריבן, —
איז ער ביי אונז איינער, כמעט איינער געבליבן....

**לאָנדאָן, 28 אָקטאָבער, 1949**

מיר דריקן משה עובדס בריוו, צום באנקעט, וואָס דער לאָנדאנער שריי־בער־פעראַיין האט איינגעאָרדנט לכבוד די געסט. און דאס ליד וואָס האט, האָכשטיין פארגעלייענט.



## יידיש טעאטער אין לאנדאָן

(צום נייעם סעזאָן)

### מאיר צעלניקער אויף דער ענגלישער בינע

עפּעס האָבן מיר, לאָנדאָנער פּאַטריאָטן, — קלאָרער, לאָנדאָנער יידיש־טעאַטער פּאַטריאָטן, — זיך געפילט בשפל המדרגה: ענטוועדער־אָדער! אָדער צווישן אונזערע יידישע אַקטיארן איז נישטא אזא גרויסער טאַלאַנט, אַז די גויים זאלן אים אויסכאפּן, אָדער דער אנטיסעמיטיזם איז דא שוין אַזוי גרויס, אז אפילו אזא אומשולדיק אויסכאפּעניש פארגינען זיי אונז אויך נישט — אַ כלל עס איז געווען ביטער כמו גאל אין אונזער יידישן טעאטער וועלטל אין ק״ק לאָנדאָן!

נו, איז דאך גאָט אַ פאָטער, און מיר זיינען ברוך השם געהאלפן געוואָרן, מיר זיינען ארויס פון אונזער שפלות־געפיל: מאיר צעלניקער איז אויסגע־כאפּט געוואָרן פון דער ענגלישער בינע!

וואָס אַן אמת, — כאָטש איך רעכן מיך צו די פּאַטריאָטן, — איך בין נישט געגאנגען זען מיט אייגענע אויגן די גרויסע גדולה, צו וועלכער מיר האבן זוכה געווען, ווייל, וואָס אמת־איז־אמת, איך וואָלט מיך געפילט אַ ביסל שפלדיק צו זען צעלניקער שפּילן אין ענגליש: „אויך דו ברוטוס"!.... אָבער אויף אזויפיל בין איך זיכער אין אונזער צעלניקערן, אז קיין אנטיסעמיטיזם וועט ער מיט זיינס אַ טיפּיטשנע יידל אויף דער גויאישער בינע נישט מאכן..

און די זיכערקייט מיינט שוין אַ סך פאַר אַ לאָנדאָנער פּאַטריאָט! אין אַזאַ שפלות לעבן מיר. נו, איז אַ וואונדער אז קינסטלער מיטן פארמאט זוכן צו אַנטלויפן פון אונז?

### א מייזעלס עפנט דאס אלעקס טעאטער

דאָס אַלעקסאנדער טעאטער עפנט זיך צוריק אויף מיט אַ מייזלס אלס אָנפירער פונם טעאטער און מיט גרויס אנאנסירטע סטארס פון פּאַריז. און עטא טאפל און מארק מארקאוו, די סטארס פון אלעקס טעאטער, שפילן איצט אין פּאַריז (און לויט ווי מיר הערן מיט גרויס דערפאלג.) דער סעזאן הייבט זיך שוין אָן יידישלעך — חלוף איז א יידישלעכער גאנג!

שוין וואָס ביי יעדן „ערנסטן" שטיק און חסידישע האפקע האט מען געמוזט זען יעדע נאכט אַריינטאנצן דעם מנין טאנץ־„גערלס", איז שוין גארנישט געווען יידישלעך....

איך קאָן מיר פאָרשטעלן, אז „פאָרשטעלונגען" מיט צוויי מנינים נאַקעטע „גערל"־פיסלעך שארט זיך לייכטער דאס געלד ביי דער קאסע... אבער אז לייכט פארדינט געלד גייט נישט אויס צום גוטן, די דערפארונג האט דאך דאס אלעקס־ טעאַטער שוין איינמאל געמאַכט!

די נעמען פון די נייע סטארס זיינען מיר נישט באקאנט, אבער אז זיי וועלן אויסהאלטן אַזוי לאנג ווי אונזערע ליבע עטא טאפל און מארק מארקאוו,

וועט דאס אלעקסאנדער טעאטער דאס מאל יא שוין האבן לאנגע יארן.

פריינט מייזלס איז ארויס דער זיגער פונם טעאטער־סכסוך ; אצינד ווינטשן מיר אים, און אויך זיך, די פאטריאטן, אז דאס יידישע טעאטער זאל זיין דער זיגער — אז די מחלוקה זאל געווען זיין לשם שמים !....

## חנה צעלניקער אין „מירעלע אפרת“

אין דער וואָך נאָך יום־כפור, ביי דער פרעמיערע אין גרענד־פּאַלעי, הער איך ווי אַ טעאטער פּאַטריאט, אין אַ רייע פאר מיר, זאגט צו זיין שכן (אויך אַ פּאַטריאט.) „קוק נאר אן אונזער חנה׳לען, די שכינה ליגט דאך אויף איר פנים“ ! איך האב שנעל אַ קוק געטון (וועלכער ייד איז דאס נישט קיין בעלן צו זען די שכינה, און טאקע אַ וואָך נאָך יום כפור.) און איך האב טאקע געזען... אלנפאלס מער קדושה און גייסטיקייט ווי אויף די אלע רעוורענדישע פּנימער אין אונזערע טענדע־ווערענדע־סינאגאָגן דאָ, אין די הייליקע פורכטיקע טעג. דער „פּאַטריאָט“ איז כשר געקעכט געווען ; ער האָט געזען די „שכינה“ אויף איר פנים.

אָבער איך האב מיר דאך געטראכט ; איר פנים איז נאך צו יונג, נאָך אן איין פּעלטל, עס זאל ביטערע טראכטעניש קענען פארקנייטשן ; אַ יינג מאמעלע, אָקאָרשט פון דער טראכט ארויס ; און נאָך איינס : „מירעלע אפרת“ שפּילט מען נישט מיט שכינה, מירעלע אפרת שפּילט מען מיט כאראקטער, מיט טראדיציע—יאָ, מיט אסתר רחל קאמינסקי טראדיציע ! וואָרים פארוואס איז דען אראפּ די שכינה פון די כאראקטערלאזע פּנימער פון אונזערע היינטיקע כלי קודש, ווייל ס׳פעלט זיי טראדיציע, יידישלעכע טראדיציע. דאס בדרך אגב.

אף על פי כן קומט אַ ישר כוח קרעלמאנען, דעם נייעם דירעקטאר פונם גרענד פאלעי, צו געבן די מעגליכקייט חנה צעלניקער אויפצוטרעטן אין דער עקזאמען־ראלע פון די יידישע גרויסע אקטריסעס — עס איז די אַמביציע פון יעדער יינגער שוישפּילערין ! מיר לאַנדאָנער פאטריאטן זאלן נאר זוכה זיין, זי זען אויסגעוואַקסן צו די ראלן צו וועלכע זי איז באמת געוואַקסן, און זיי שפּילן אויף דער יידישער בינע פארן לאנדאנער יידישן פובליקום.

## זיגמונד טורקאוו

בשעת זיגמונד טורקאוו האט געשפּילט זיין אברהם גאלדפאדן־ראלע אין „זינג מיין פאלק“ — אויף אַ גרויסע זילבערנע הארפע, גרויס ווי זיין פארנעם געשטאלט, האט ער זי אויסגעשפּילט, און זיין פרוי אַרויסקוקנדיק פון צווישן די סטרונעס, האט אים באגלייט מיט איר ליבלעכן געזאנג ! — און מיין יעדער הארץ־קלאַפּ האט אים בראווא געקלאַפּט, איז געווען גרויס אומרואיקייט ביי די טעאטער־פּאַטריאטן, ווייל, ווען זיי זיצן אויף די אויבערשטע בענק ווילן זיי שוויצן ווי אין באד ; און אז מען קיצלט זיי נישט אונטער די פּאַכוועס, ווי פוקס, זאל מען זיי כאטש קלאפּן מיטן בעזלמל איבער די פּלייצעס, גוט־ברידעריש, ווי וויטלער.



מיט יעדער סצענע איז טורקאוו אין זיין הויפּט ראלע אלץ מער אויסגעוואַקסן און מיט אים אַלע מיטשפּילער, און מיט זיי די אומרואיקייט פונם ליבן פובליקום ; זיי האבן אפילו זייערע „ליבלינגע“ נישט מער אַרויסדערקענט (זיי כאטש בראווא צו קלאפּן !...) אזוי כשופדיק איז פארוואַנדלט געוואָרן דאס קליינע בינעלע ד׳ על ד׳.

ווען די לעצטע פארהאנג איז געפאלן, בין איך זיצן געבליבן מיט טרערן אין די אויגן !

„היינט האב איך געוויינט מיינע טרערן — נישט קיין טעאטער־טרערן !“ האָב איך מיט נאסע אויגן מקבל־פנים געווען טורקאָוון. עס איז געווען מער ווי אַ שלום עליכם, עס איז געווען אַ „שהחינו“ — אַ גרויס דערלעבעניש.

דער גרונד כאראקטער פון טורקאָווס שפּילן גלייב איך איז, וואָס זיין טראדיציע ציט זיך דווקא פון פּרצעס „גאָלדענע קייט“, זי איז אבער יידישלעך אַ דורכגעפלאָכטן מיט די בונטע טליענדיקע צויטן פון גאלדפאדנס מכשפה.

## זיגמונט טורקאוו ווי א רעזשיסאר

זיגמונט טורקאוו געהער נישט צו יענע גענזלפיסדיקע סטארס, וואָס שרייטן מיט האלצערנעם שטאלץ אויף די טעאטער־ברעטער און קלאפּן מיט זייערע שטאלצן־פּיס אזא קארזש אויס, אז מען זאל די אנדערע מיטשפּילער נישט זען ; טורקאוו איז אַ קינסטלער וואָס שפּילט זיין ראלע יעדע רגע און זיין יעדער באוועג איז אן אויסטייטש, אַ מסביר זיין און זיין יעדעס וואָרט האט זיין טראפּ — זיין קדמא־ואזלא ! ער האט נישט נויטיק צו שפּילן איבער די קעפּ פון אנדערע, ווייל מיט זיין יעדע ראלע וואַקסט ער זיך איבער מיט אַ קאָפּ, און אויב ס׳איז נויטיק נעמט ער ארויס אין מיטן שפּילן אַ פרישן קאפּ פון אונטער דער פּאַכווע און זעצט זיך אים אַרויף.

אזא אקטיאר מעג זיין אַ רעזשיסאר ! ווייל אזא אקטיאר שפּילט נישט אויפן חשבון פון אנדערע. טעאטער־שפּיל איז ביי אים אַ גרויס מאטעמאטיש־פּראבלעם. וועלכעס ער זוכט צו לעזן ; א מאטעמאטיש־שפּילן אין וואָס דער רעאלער סך הכל לעזט זיך גאר אין אנדערע ספערן... דערציערישע, נאציאָנאלע, יידישלעכע קולטורעלע. אַ שוישפּילער, וואָס זיין מיטשפּילער, אפילו זיין פּארטנער, האט אים גאר נישט חושד צו זיין. — ער קוקט אים נאר אויף די הענט, ווייל ער וויל עפּעס אָפּקוקן פון זיי ; ער גייט נאך זיין ווינק, ווייל ער איז ליבלעך ; ער זאגט אים נאך זיין וואָרט, ווייל ס׳מאכט בטעמט די ליפּן ; יעדע הועיה איז אַ פרישע אויפטו, און אַ דריי מיטן פינגער — אן אין־פלוג־גענומען — — —

אקטיארן ווערן אַזוי איינגעגלויבט אין אַ גוטן רעזשיסאר, אַז זיי לאָזן זיך פון אים זייערע קעפּ אָפּהאקן, ווייל זיי ווייסן אונטער זיין פּאַכווע האט ער א סך א סך קעפּ, פול בעסערע ווי זייערע.

עס וואלט שוין געווען א גרויסער נסיון פאר אַ טאלאנטירטע אַקטריסע צו זיין די פרוי פון אַן אַקטיאר פון אזא פארנעם, — די מורא אז איר טאלאנט

וועט בלייבן אין זיין שאטן! — אבער זעענדיק ראזע טורקאוו אין זינג מיין פאלק", זעט מען ווי איר ראלע איז געשניטן פון אַ ריפּ פון זיין ריפּ — פון אונטער זיין הארץ ארויס.

ווער עס האָט נישט געזען טורקאָווס „זינג מיין פאלק" דער האט פארשפילט עפּעס שיינס.

## די גרענד פאַלעי טרופּע אונטער טורקאָווס רעזשי

און ערשט ווען מאיר צעלניקער וואָלט נאך געווען מיטגעשפּילט! מאמעלעך, דערפאר האט חנהלע צעלניקער אין איר מאמע־ראלע זיך טאפּלט איבערגעשטיגען! און א. פוקס, שפּילנדיק דעם טיפּיטשנעם יידן, האט מען ממש געזען ווי ער פּאַסמאקעוועט זיך מיט אים יעדער רגע. ער עסט די פּראָזע!

יצחק קרעלמאנען האט מען נאר בעדארפט צו דערלאנגען אַ בייטש אין דער האנט אַריין וואָלט ער געווען אן ערשט קלאסישער צירקוס־דירעקטאר — דאס זיינען דאך טאקע די אמעריקאנער טעאטער דירעקטארן!... און פרוי זיידמאן אין איר פרימאדאנע־ראלע, אלס די פרוי־דירעקטרשע, איז געווען קלאסיש.

אין גימפּל־טיפּ, דעם דירעקטאר פון לעמבערגער יידישן טעאטער, האט קאסווינער אראפּגעשיינט פון דער בינע, גאנץ גאליציע האט געקאנט מחדש זיין די לבנה ביי דעם פּראים יאָסל־פּנים, קייזערלעך צעשטראלט מיט די צוויי באקן־בערד. וויפל ראלן אריעל האט געשפּילט אין „זינג מיין פאלק" האט זיך שוין פארגעסן, אזוי האט ער פּאַטשמעלעט דעם קאפּ מיט זיין גאר געלונגענער קרעאציע פונם האלב־אידיאָט אינם „אוצר".

אונזערע צוויי יונגע אסתרל זילבערבערג און מענדעלאוויטש, יאָ זאלן זיי טאקע וויסן אז ס'איז טאקע פאראן א דופק ביים יידיש טעאטער, זיי וואָלטן דאך עס אפילו נישט געוווסט.

און פרוי טשיזיק קומט דאך סתם א ברוך הבא וואס זי האט צוריקגעפונען דעם וועג צום יידישן טעאטער.

האב איך קיינעם נישט פארגעסן? ניין, איך האב נאך נישט פארגעסן, אז פרוי קרעלמאנס „שיינדעלע" איז געווען א גרויסע ראלע און א געלונגענע. און אין „גרויסן געווינס" וועלן מיר זי ווידער מסתמא זען אין אַ פּאַסנדיקע ראלע.

צום שלוס זאל נאך דערמאנט ווערן דער דעקארייטאר אין געהילף־רעזשיסאר, דער טאַלאַנטירטע מאלער בראנשטיין וואס האָט געמאלן די פיינע דעקאראציעס.

## איבער אונזער טעאטער ניווא

אין אַ יישוב ווו מען באַמיט זיך יעדן עכטן כאראקטער שטריך פון פאָלק אָפּצווישן, ווי יעדעס שטיקל נאָך געבליבענע טראדיציע ארויסצוואַרפן ממש אויפן מיסט, איז וויאַזוי קאָן דאס פאָלק נאך האָבן דעם מינדסטן חוש פאר קונסט? וואָרים וואָס איז דען קונסט אויב נישט דאס געפארעמטע און חושמ־



דיקע פון די צוויי דערמאנטע אייגנשאפטן.

מיר האבן דעראיבער קיין שום טענה, חלילה, צו עמך, צום ליבן פובליקום פאר זייער טעאטער געשמאק! פארקערט, דאס וואָס זיי פארשטייען, דאָס וואָס זיי קענען אויפנעמען דאס פלעגן זיי, פאר דעם לאזן זיי זיך קאסטן, שטיצן זיי אונטער, — זיי קומען און פאטשן בראווא מיט טרערן אין די אויגן! ווי די עין־יעקב־יידן אין דער היים זייער מגיד, זייער בעל דרשן זיינען די עמך יידן דאָ געבליבן טריי זייערע פאלקס טעאטערס, זייערע סטארס; קאפּזאכן, — גמרא מיט תוספות מפרשים — קונסט! — לאזט זיי קאלט, איז איבער זייערע השגות.

אבער ווו איז אונזער אינטעליגענץ, אונזערע קאָפּ־און ביכער־מענטשן, די מענטשן מיט טשעק־און פּאַרטיי־ביכלעך, וואָס האלטן אין איין דרייען מיט די נעז, איבערן ניוואָ פון יידישן טעאטער....

אז די פארדריפּעטע הינטעלע־געגנז אונזערע דרעפּטשעט מסתמא אין די לאנגע ווינטער נעכט אין שעקספּירס „קעניג"־אייכל, איז וויאזוי זאל דאס יידישע וואָרט זיי נישט גרילצן אין די אויערן?....

## א טרעיאטער בנאמנות...

„התורה מחזרת על אכסניה שלה". אין אַדלער סטריט, אין הויז ווו עס איז געווען דאס יידישע פאלקס טעאטער, זיצן היינט דיינים און פּסקענען. האבן זיי אפּנים אָנגעפּסקנט, אז אפילו גמרא מוז מען שוין לערנען אויף ענגליש, איז טאקע געווען אנאָנסירט אין אלע גאַזעטן, טאקע ווי צו א פּרעמיערע: פרייטיק צונאכט פון שבת בראשית, הייבט אן דער און דער דיין (נישט חלילה, דיין אַבראַמסקי, וועלכער איז נאך אַ היימישער רב און ווייסט ווי אַזוי מ'איז מסביר אַ בלאַט גמרא דער טעם זאל בלייבן אין מויל.) צו לערנען גמרא אויף ענגליש.

איז מי שלא ראה די סצענע פון „רוכב על גבאי בהמה", מיט די גרימירטע ווייטשעפּלער עמך־יידן מיט די אַרומגעשוירענע לכבוד־שבת־בערדלעך און ווי דער דיין האט זיך געסטארעוועט מיט זיין גאונות (ווייניקער ווי גאון איז אין לאנדאן נישט פאראן) אויף א מין זשארגאן, איז לא ראה טעאטער מימיו.

איך ווייס נישט אויף ווי ווייט דער חשובער דיין קען ענגליש, אבער אזא „קוידער וועלטש"־זשאַרגאָן צו אנאנסירן מיט ענגליש איז זיכער אונטער דער פּאַטריאַטישע ערע פון דער יונייטעד סינאַגאָג.

אבער עס איז דאך עמעצער געווען ווער ס'זאל פון דעם טרעיאטער הנאה האבן! אין דעם גוישן פארשמיצטן פּנים פונם ערל, וואָס האט אריינגעטראגן די בענקלעך האב איך געזען, אז ס'איז אַ מענטש, ווען נישט מיט טעאטער־געשמאק איז עס ווייניקסטנס מיט „פּיקטשערעס"....

ביים אַרויסגיין פרעגט ער מיך, דער בענקל אַריינטראגער, אין וואָסער שפּראך איז געווען דער לעקטשור? (ביי אים אין גוישן חמור קאפּ האט

זיך אויסגעמישט, דאס אראמעאיש, ענגלישע, דייטשע, יידישע, — וואָרים כדי דער עולם זאל דאך עפּעס פארשטיין האט זיך דער „לעקטשערער“ אויך געמוזט באַנוצן מיט יידיש, — אין איין לשון) איך האב אים געענטפערט: היברו!

צעלניקער מוז ערשט לויפן קיין סוויסקאטעש, כדי צו שפּילן פאר גויים — מ׳ברויך נאר צו זיין אַ דייך, האט מען עס אין ווייטשעפּל; פרייטיק־צו־נאכט, אין יידישן פאלקס טעאטער, ווי אין די אלטע גוטע צייטן....

## עמך...

פאר צוואַנציק יאָר, ווען כ׳האב געזען שלמה מיכאָעלסן שפּילן שימעלע סאראקער האב איך פאַרשטאַנען די גמרא־ממרא: אין די פרשות פון גאטס תפילין איז געשריבן דער פסוק „מי כעמך ישראל גוי קדוש“.

גאטס פרשות זיינען צעריסן געוואָרן, מיט בלוט אָפּגעווישט זיינען די הייליקע אותיות און אויב נישט פסול, זיינען זיי מטושטוש — — —

גאָט צעלאכט זיך שוין נישט מער מיט זיין טאג־טעגלעך פשוטן גע־לעכטער!

טורקאָוס, צו אינווידועלע צו אינטעלעקטועלע, שימעלע סאראקער איז קוים נאך א טוש־צייכנונג, אַ דינע וואַסער צייכנונג פון א בלאסע דאָן־קיכאָט־פיגור. די הארפאַשנע מאסע איז מער נישטא! עמך איז אויסגעקוילעט — טאָ ווי אַזוי זאל ער אראפקריכן פון אַ גרויסן פלאקאט פון אָ יידישן קונסט־טעאטער?

שוין דער פיינער אַקווארעל אינם קליינעם רעמל פון דעם אין ראזע גע־האלטענעם גראנד פאלעי־בינעלע, איז אַ גרויסע ארטיסטישע לייטונג, אבער שימעלע סאראקער סטריגעוועט מען נישט צונויף מיט איבערגעניטשעוועטע פאָלקס לידער — אפילו נישט מיט התלהבות־פאנטאזטישן חסידישן טאנץ!

שלום עליכם אליין איז שוין פאלקלאר און טראדיציע און פאלקסטימ־לעכקייט; מ׳מוז נאר די דריי אייניקייט יידישלעך שכינהדיק אויסגעשטאלטן און אויספארמען.

זיגמונט טורקאוו גייט איצט קיין ישראל! אויב אבער די פקידים דארטן זיינען אויף אזאַ קולטור מדרגה ווי אונזערע „גלות“ גייסטלעכע און ככל הגויים מנהיגים, איז עס אַ גרויסע פראגעצייכן צי דער „וארשתיך לי לעולם“ מיט „עמך“ וועט אים דארטן יא געלונגען; העברעאיש איז טאקע די יידישע נא־ציאָנאַל־שפראך, אבער שימעלע סאראקער, באשר הוא שם, רעדט נאר יידיש.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין בערנארד־באראן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)

שבת, דעם 5־טן נאָוועמבער — יידישער הומאר און פאלקלאר.

שבת, דעם 12־טן — יידיש טעאטער און פאלקסליד.

שבת, דעם 19־טן — מיכל זילבערבערג, קאַפּיטלעך פון זיין בוך.

שבת, דעם 26־טן — יוסף פרענקל: ישראל פייערונג!




## א דאנק-אויסדרוק פון קאמיטעט פ.פ.י.ל.

מיר דריקן אויס אונזער דאנק צו אונזער האָנ. סעקרעטאר אליהו פאלושאק פאר זיין ארבעט די לעצטע דריי יאָר, וואס ער האט געטון בשלימות.

דער קאָמיטעט פון פריינט פון יידיש לשון

מיר דערמאנען נאָכאַמאָל, אַז דער אַדרעס פון אונזער נייעם סעקרעטאר איז:

נחמן רוביק, עווערינג ראָד, 193, לאָנדאָן, ע.5.

## מזל טוב

אַ הארציקן מזל־טוב צו דער חתונה פון אונזער פריינט

איצוש מאנדעלבוים

פריינט פון יידיש לשון

אונזער מיטאַרבעטער פריינט אהרן י. ראלין און פרוי אַ הארציק מזל־טוב צו דער חתונה פון זייער טאָכטער.

לשון און לעבן

„אין חדר אריין“ 5/-

„אין זכות פון די טעג“ 3/6

פון

משה עובד

צו באַקומען ביים מחבר:

MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1

עפענטליכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי

א נייע בוך-האנדלונג אין קאמערשעל סטריט 49

HENRY PORDES, 49, Commercial St., E.1

Publisher & Bookseller,

has the best Jewish & General Books on any subject at very low prices. We published Yessodoth, יסודות The Modern Hebrew Grammar—6/6; Pinsker—1/6; Borochov—3/6 e.t.c.

Sell us your books please.

„די צייט"

געגרינדעט אין 1913 פון
מאררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראפע.)


די סוף־חודש זונטיקס פון
„פריינט פון יידיש לשון" ביי „בן־אורי"
זונטיק 27־טן נאוועמבער 8 אוונט
אין לאקאל פון
„בן-אורי" קונסט גאלעריע
14 פארטמען סטריט וו.1

## 400 פייערונג פון אליהו בחור

דר. יעקב י. מייטליס וועט האלטן אַ רעפעראט אליהו בחור און זיין צייט.
י. ביעטש און נעט רובין וועלן לייענען אַפּאַטאשוס דערציילונגען „אליהו בחור"

אריינפיר ווארט — א. נ. שטענצל

איינטריט פריי פאר מיטגלידער!
1 שילינג פאר נישט מיטגלידער


**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*Manufacturers of*
*Knitted Goods and Sportswear*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**


## אונזער מיטגעפיל

צו אונזער פריינט און מיטארבעטער **מארקוס כהן** צום טויט פון זיין פרוי — ער זאל פון קיין צער נישט מער וויסן.

פריינט פון יידיש לשון
און לשון און לעבן


*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*


118

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור


נומער 12 (העפט 119) **צענטער יארגאנג** דעצעמבער 1949 לאנדאן


רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

## אינהאלט:


צוריק אנגעצונדענע ליכט, אזא חנוכה ליד הייאר, דער פרעזידענט פון ישראל, „לחיים חבר סטאלין" .......... ** 1
ר' חיים דער וועג־וויזער (צו זיין 75־טן געבוירן־טאג) .... משה עובד 6
מיין היים־לאנד דו (ליד) .......... ס. פאלמע 8
אויך אין לאנד אין אונדזערס (ליד) .......... א. ברוידס 9
אליהו בחור (400 יאר נאכן גרויסן שפילמאן־דיכטער) (עסיי) .......... דר. יעקב י. מייטליס 10
היינריך היינע (צום 150־סטן געבוירן טאג דעם 13־טן דעצעמבער) .......... אליהו פאלושאק 16
דריי אפאלאגיעס (1 פרעמד שפראכיקע אפאלאגעטיק) .... לעא קעניג 19
מצרים (ליד) .......... ימיאל עובד 20
די סיבירער קאזאקן אין לאנדאן (אַ קאפיטל פון אַ ביאגראפיע) .......... מאקס קאהען 23
נאוועמבער לידער .......... א. נ. שטענצל 28
פרומע געזאנגען און לירישע פאעמעס פון יוסף הלל לעווי .......... אסתר קרייטמאן 32
די קראפט פון גייסט (איבער ישעיהו שפיגלס „מלכות געטא") .......... י. י. ראפאפארט 36
אויפן שוועל פונם נייעם יאר .......... י. ביעטש 39
אין־דער־גיך און פארביילויפיק (קולטור און געזעלשאפטלעך) .... ש. 42
דער סוד פון „קציצת צפרנים" (חסידישער פאלקלאר) .......... יחזקאל נח ערליכמאן 47
רעדאקציע נאטיץ .......... 48
די ווייטערדיקע שבת נאכמיטאגס .......... 48


**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**

אבאנענטס־פרייז:—19/6 פאר א יאר
אין אויסלאנד:—5 דאלאר א יאר
1/9 פאר א פראבע נומער